STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04532

# FUN MAYNE SHAYERN

L. Popik

*Permanent preservation of this book was made possible
by Murray & Rita Braunstein
in honor of & in memory of
Florence & Joseph Sultan*

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ל. פּאָפּיק

# פון מיינע שייערן / מְאֲסָמַי

ל. פּאָפּיק

# פון מיינע שייערן

לידער

פֿאַרלאַג "רשפים", תל־אביב

ל. פאָפּיק

# מְאֻסָּמַי

שירים

תירגם מיידיש:
אוריאל אופק

הוצאת "רשפים", תל־אביב

L. POPIK

# FUN MEINE SHAYERN

[FROM MY GRANARIES]

Translated by Uriel Ofek

©
כל הזכויות שמורות, תשמ"ג
Printed in Israel, 1982

ציור לעטיפה: עטרה אופק

סדר־צילום: "פאר", בני־ברק
לוחות: "סקאלה", רמת־גן
הדפסה: "דרבי", רמת־גן

# פֿון מיינע שייערן / מֶאֲסָמַי

## פון מיינע שייערן

פאַרבייגייער,
סע זענען אָפן פאַר דיר מיינע שייערן.
אַריינגאַנג, איז אַ פרייער —
קאָנסט אַליין דיר פון מיין פרוכט
אויסוויילן, פאַרזוכן אויב בטעמט.
האָסטו פון זיי וואָס אויסגעזוכט?
און אֶפשר נאָך אַ פרווו באַנייערן,
מאַך נאָך אַ שפּאַן —
פון אַלע מינים איז פאַראַן.

ווייס, אַז די געצייטיקט אויף דעם מדבר־זאַמד,
זייער טעם, ער וועט דיך מונטערן.
די דאָרט, איז גאָר פון ערשטן שניט,
זע ווי שיין זי איז — און אויף שטיינקן באָדן
האָט זי זיך צעבליט —
און ווי ווויל זי איז געראָטן.

אין ווינקל די, געמוזט האָט איבערווינטערן,
איר טעם זאָל ווערן פול מיט אַראָמאַט.
נעם אָט די אלע מינים, מיט געדולד
באַטראַכט — קאָנסט ווילן, איבערקלייבן —
מיך אַרט ניט, אויב נאָך א רגע וועסט פאַרבלייבן,
פון דעם האָט קיינעם ניט געשאַדט.

און קוים וואָס איז ניט נאָך דיין טעם,
כ׳נעם דערפאַר אויף זיך די שולד —
אפילו, וויפיל מי און קראַפט
סע ליגט אין צייטיקייט פון פרוכט,

# מְאֶסָמַי

עוֹבֵר אֹרַח,
כָּל אֲסָמַי פְּתוּחִים לְמַעַנְךָ,
חָפְשִׁית הִיא הַכְּנִיסָה, בְּלִי טֹרַח –
יָכוֹל אַתָּה מִפֵּרוֹתַי לִבְחֹר לְךָ,
לִרְאוֹת אִם טְעִימִים הֵם לְחִכְּךָ.
הַאִם מָצָאתָ מַשֶּׁהוּ פֹּה בַּעַל טַעַם?
אוֹ שֶׁמָּא תְּנַסֶּה שׁוּב פַּעַם,
עֲשֵׂה עוֹד צַעַד לְיָמִין –
יֵשׁ פֹּה מִכָּל מִין.

דַּע, כִּי הַפֵּרוֹת אֲשֶׁר בָּשְׁלוּ עַל חוֹל הַיְשִׁימוֹן,
טַעֲמָם עוֹד יְחַזֵּק אוֹתְךָ פְּלָאִים.
וְזֶה מִמּוּל הוּא מִבָּצִיר רִאשׁוֹן,
רְאֵה כַּמָּה יָפֶה הוּא, וְעַל אַדְמַת סְלָעִים
לִבְלֵב הוּא וְהִפְרִיחַ –
וְעַד כַּמָּה הִצְלִיחַ!

וְזֶה שֶׁבַּפִּנָּה צָרִיךְ בַּחֹרֶף לְהַחֲלִיף הַכֹּחַ
כְּדֵי שֶׁטַּעְמוֹ יִהְיֶה סְפוּג נִיחוֹחַ.
בְּחַר לְךָ כָּל מִין וָסוּג, בְּחַן אוֹתָם בְּאֹרֶךְ־רוּחַ,
תּוּכַל לִבְחֹר אַף לְבָרֵר.
לִי לֹא אִכְפַּת אִם תִּשְׁתַּהֶה עוֹד רֶגַע,
דָּבָר כָּזֶה עוֹד לֹא הֵבִיא שׁוּם פֶּגַע.

וְאִם יֵשׁ מַשֶּׁהוּ שֶׁלֹּא לְטַעַמְךָ,
אֲנִי מַטִּיל אֶת הָאָשָׁם עָלַי –
אֲפִילוּ שֶׁרֹב יֶגַע וַהֲמוֹן מְלָאכָה
הִשְׁקַעְתִּי בְּטִפּוּחַ פֵּרוֹתַי,

ספקות, מוטשעניש — אַ יָם!
ביז מע דערלעבט די פּרי פוּל מיט זאַפט.

האָסטו געפוּנען? האָסט דאָך געזוּכט,
ביסט דאָך אַ נייגעריקער געקוּמען —
מיט וואָס פאַר אַ טעם איצט אוֹיף דיין גוּמען,
מיט מיין גערעטעניש אין האַנט
לאָזט דוּ זיך ווייטער איבערן לאַנד.

סְפֵקוֹת וְתַקָּלוֹת בְּלִי סוֹף,
עַד שֶׁזּוֹכִים פְּרִי עֲסִיסִי לִקְטֹף.

הַאִם מָצָאתָ? הֲרֵי חִפַּשְׂתָּ,
בְּסַקְרָנוּת רַבָּה נִכְנַסְתָּ,
לָחוּשׁ הַטַּעַם שֶׁנִּשְׁאַר עַל קְצֵה הַחֵךְ,
וְעִם תְּנוּבַת עֲבוֹדָתִי וִיבוּלָהּ
יוֹצֵא אַתָּה לָאָרֶץ הַגְּדוֹלָה.

# יאָדערדיקע מאַנדלען

## דאָס ייִנגל מיטן בלומען־קויש

א

ס׳פֿאַלט א רעגן, ס׳דוכט אָן אַן ענד
איבער די שורות פֿון הייזער –
פּוסט איז אין דרויסן – ליידיק.
א ייִנגל מיט א קויש אין די הענט,
„קויפֿט רויזן!״ שרייט, מיט א קול אַזאַ פּריידיקס,
– מיינסט, ס׳איז א גליקליכער לייזער.

זיין בליק צו די ווייסע רויזן געווענדט,
ער פֿרייט זיך, כאָטש קויפֿן – קויפֿט קיינער.
דער ייִנגל שפּאַנט ווייטער, טריפֿנדיק־נאַס,
קיין מענטש געפֿינט זיך ניט אויף דער גאַס,
נאָר ער אַיינער –
שרייט: „מענטשען, קויפֿט רויזן! בלענדענדיק־ווייס...״

תל־אביב, 1922

ב

כ׳בין אלץ נאָך דער ייִנגל מיט די ווייסע רויזן
אַ פֿולן קויש אַלייניקער אין רעגן, דרויסן.
א חוץ זיינע פֿיס נאַקעט וואָס זיי טאַפּן
דורך דער גאַס, הערן זיך נאָר די רעגנטראָפּנס.
און ער, פֿאַרקוקט אויף זיינע רויזן ווייסע,
לויבט זיי מיט אַ העלן קול און פֿרייט זיך.

# שְׁקֵדִים מְלֵאִים

## הַנַּעַר עִם סַל הַפְּרָחִים

א

גֶּשֶׁם יוֹרֵד וְיוֹרֵד בְּלִי סוֹף
עַל שׁוּרוֹת הַבָּתִּים וְהָרְחוֹב.
הַחוּץ רֵיק, שׁוֹמֵם וְצוֹנֵן.
הִנֵּה נַעַר עִם סַל בְּיָדָיו הַשְּׁתַּיִם.
"קְנוּ פְּרָחִים!" הוּא קוֹרֵא, וְקוֹלוֹ מִתְרוֹנֵן,
כְּאִלּוּ אָשְׁרוֹ רַב עַד שָׁמַיִם.

עֵינָיו מְלַטְּפוֹת הַוְּרָדִים הַלְּבָנִים,
הוּא עַלִּיז, אַף כִּי אֵין לוֹ קוֹנִים.
הוּא הָלְאָה צוֹעֵד, רָטֹב וְנוֹטֵף
שׁוּם אִישׁ לֹא נִרְאָה בָּרְחוֹב הַדּוֹלֵף,
רַק הוּא לְבַדּוֹ, מְצַעֵק:
"אֲנָשִׁים! קְנוּ פְּרָחִים! וְרָדִים לְבָנִים..."

תל־אביב 1922

ב

וַעֲדַיִן אֲנִי הוּא הַנַּעַר הַנּוֹשֵׂא וְרָדִים לְבָנִים,
סַל מָלֵא בְּיָדַי בָּרְחוֹב הַגָּשׁוּם, בֵּין בָּתֵּי אֲבָנִים.
עִם תִּפּוּף רַגְלָיו הַיְחֵפוֹת עַל מִדְרֶכֶת
נִשְׁמָעוֹת רַק טִפּוֹת הַמָּטָר בֵּין עֲלֵי הַשַּׁלֶּכֶת.
וְהוּא, הַתּוֹלֶה מַבָּטוֹ בַּסַּל הַלָּבָן הַפּוֹרֵחַ,
מְשַׁבֵּחַ אוֹתָם בְּקוֹלוֹ הַצָּלוּל וְשָׂמֵחַ.

איז אָבער ביי אַ רעגן קיין פּאַרדינסט ניט,
ליידיק־פּוסט די גאַס איז, אים פאַרדריסט ניט,
ער איז פאַרקוקט אויף זיינע בלומען,
אים אַרט ניט, אַז דער אַרום אין גאַנצן שטום איז...

אָבער דאָך א קליינער אומפאַרגלייך איז דאָ פאַראַנען,
דורך אַ גאַנצן שאָק פון יאָרן ביי מיין שפּאַנען
האָט מיין בלאָנדער קאָפּ געגומען בייטן
דעם קאָליר, גלייך ווי יענע בלומען, ווייס. די רויזנקווייטן
בלייכע, פאַרביטן האָט א בלוטשפּריץ, זיי געשפּרענקלט,
צעשטאָכן מיט דער צייט די דערנער פון זייער שטענגל...

גבעתיים, 1982

וְאִם כִּי אֵין פִּדְיוֹן בְּיוֹם שֶׁל גֶּשֶׁם,
לֹא אִכְפַּת לוֹ כְּלָל שֶׁאֵין אִישׁ בָּא לָגֶשֶׁת.
וְהוּא מַבִּיט בְּשׁוֹשַׁנָּיו, וּבְכָל פֶּרַח,
וְלֹא אִכְפַּת לוֹ כִּי אִלֶּמֶת הִיא הַדֶּרֶךְ.

אֲבָל הֶבְדֵּל קָטָן נוֹצָר לְמוּל עֵינַי
בְּתוֹךְ שִׁשִּׁים שָׁנָה שֶׁל נְתִיבֵי חַיַּי:
רֹאשִׁי זֶה הַבָּהִיר הֶחְלִיף הַצֶּבַע,
הִלְבִּין כְּמוֹ הַפְּרָחִים הָהֵם, יַלְדֵי הַטֶּבַע;
זִיק־דָּם נִתַּז עַל הַפְּרָחִים הַלְּבָנִים,
כִּי אֶת יָדַי דָּקְרוּ חוֹחֵי הַשּׁוֹשַׁנִּים.

גבעתים, 1982

## מיין יוגנט — מיין מיידל

באַפאַלן האָט מיך אזא בענקען
נאָך מיין פון־לאַנג־שוין פארשוווּנדענער יוגנט.
און ס׳מאָלט זיך מיר אין מיין דמיון,
אז זי מיט מיין מיידל איז איינס גאָר —

אין איר כלה־קלייד אין איר ווייסן
— ווי אויפגעשטאַנען תחית־המתים —
זי שטרעקט צו מיר די אָרעמס, די כלה
א פרייד אַזאַ טיפע באַפאַלט מיך,
א גליק! — קוים עס נאָך צו דערטראָגן.

און איך וויל זי אַרומנעמען, אזוי צאַרט נאָר,
זי שמייכלט און זאָגט צו מיר: ״וואַרט נאָר״...
א חלום — מיין מיידל אין א חופּה־קלייד ווייסן,
ווי ציכטיק, ווי קאָן איך נאָך האַרן,
איך שטרעק מיינע הענט, כ׳וויל זי באַרירן...

קום ווידער מיט מיר מיט דער סטעזשקע
צום פעלד מיט די בלוטיקע מאָנקעפּ,
ווו די ליבע, די נאָר אויפגעבליטע,
וועט פלאטערן אין אונדזערע הערצער —
נאָר אפשר אין וואַלד זאָל מירביידע
לאָזן אַוועק זיך שפּאַצירן
און אין שאָטן אַצווישן די שטאַמען
וועט אונדז די ליבע פארפירן...

# נְעוּרַי – נַעֲרָתִי

לְפֶתַע נִתְקַפְתִּי כָּזֶה גַּעְגּוּעַ
לִנְעוּרַי שֶׁחָלְפוּ, עֲזָבוּנִי לָעַד;
וּבְתוֹךְ דִּמְיוֹנִי אָז רָאִיתִי כְּאִלּוּ
נְעוּרַי וְנַעֲרָתִי הָיוּ לְאֶחָד.

בְּשִׂמְלַת־הַכְּלוּלוֹת הַלְּבָנָה, הַקַּלָּה
– כְּאִלּוּ זָכְתָה לִתְחִיַּת הַמֵּתִים –
הִיא פּוֹרֶשֶׂת אֵלַי שְׁתֵּי זְרוֹעוֹת, כְּכַלָּה.
וְשִׂמְחָה עֲמֻקָּה אֶת לִבִּי מְמַלֵּאת,
אֲשֶׁר רַב שֶׁאֵינִי מְסֻגָּל עוֹד לָשֵׂאת.

רְצוֹנִי לְחַבֵּק אֶת דְּמוּתָהּ שֶׁאֵינֶנָּה,
הִיא מְחַיֶּכֶת אֵלַי וְאוֹמֶרֶת: חַכֵּה נָא...
חֲלוֹם – נַעֲרָתִי בְּשִׂמְלָה שֶׁל חֻפָּה לְבָנָה,
כָּל־כָּךְ מַמָּשִׁית וּקְרוֹבָה וְנִשְׁמַעַת,
יָדַי מוּשָׁטוֹת, מְבַקְּשׁוֹת בָּהּ לָגַעַת...

בּוֹאִי שׁוּב עִמָּדִי בַּמִּשְׁעוֹל הַנִּרְדָּם
אֶל שָׂדֶה שֶׁל פְּרָגִים נוֹטְפֵי דָם,
אַהֲבָה תַּעֲלֶה שָׁם פּוֹרַחַת
וּתְרַפְרֵף בְּתוֹךְ לִבּוֹתֵינוּ,
וְאוּלַי אֶל הַיַּעַר נֵלֵךְ יַחַד,
נִתְעֶה בּוֹ עַד בֵּין הָעַרְבַּיִם
וּבְצִלּוֹ, בֵּין גְּזָעִים וְצַמֶּרֶת,
נִרְוֶה אַהֲבָה בִּשְׁנַיִם...

אוי, חלום, האָסט ווידער גענאַרט מיך,
כ'וויל אויפהאלטן מיין מיידל — זי וואַרט ניט,
זי איז ערגעץ פון מיר איצט פארשוווּנדן,
כ'שווער! זי איז אַוועק מיט מיין יוגנט...

* * *

שפינען די פעדעם —
א חלום אויף קאַנוועס צעשפּרייטע.
צילן און שטיקן די בלומען
אויס ריינסטע קאָלירן;
אַ שלל פאַנטאַסטיש צעשפּילטער,
פאַר זיי איז געגרייט שוין —
דער חלום וועט בלענדן מיט בלומען
אַ כישוף פאַרצירטער.

אָט איז דער אויפּ טו:
איך איבער מיין קאַנווע געבויגן
טאָג און ווי נאַכט,
פלעכט איך די פעדעם צו לידער.
פארפלאָכטענע מיט ריטם,
געהאַלדזט זיך געבונדן — זיי טויגן!

פאַרבלאָנדזעטע קינדער, געפונען
דעם וועג אַהיים ווידער.

הוֹ, חֲלוֹם, שׁוּב הָיִיתָ כָּזָב לִי,
נִסִּיתִי לְעַכֵּב נַעֲרָתִי – הִיא לֹא מְחַכָּה לִי,
הִיא אָבְדָה לָהּ אֵי שָׁם, נֶעֶלְמָה מֵעֵינַי.
בֶּאֱמוּנָה! הִיא הָלְכָה עִם יְמֵי נְעוּרַי...

* * *

לֶאֱרֹג הַחוּטִים –
חֲלוֹם עַל מִרְקָם שֶׁנִּפְרַשׂ פֹּה.
לְתָאֵם וּלְשַׁבֵּץ הַפְּרָחִים
בִּגְוָנִים כְּלִילֵי טֹהַר.
שְׁלַל צְבָעִים רִקְמָה
לָהֶם כְּבָר הוּכַן פֹּה –
הַחֲלוֹם יְסֻנַּר בִּפְרָחִים,
מִקְסָם כְּלִיל־הַתֹּאַר.

וְהִנֵּה הַיְצִירָה:
אֲנִי רָכוּן עַל מִרְקָמִי
יוֹמָם וָלַיְלָה,
אוֹרֵג אֶת הַחוּטִים לַחֲרוּזֵי שִׁירָה.
הֵם אֲרוּגִים בְּקֶצֶב,
שְׁלוּבִים וְתוֹאֲמִים בִּצְלִיל הַפִּיּוּט.

יְלָדִים אוֹבְדֵי דֶּרֶךְ מָצְאוּ
אֶת הַשְּׁבִיל אֶל הַבַּיִת.

## מיין פֿאַפּירענע שלאַנג

א ליכטיקער דרויסן — ס'איז דאָך איצט זומער!
און איך אין דעם געסל מיט באָרוועסע פּיס
יאָג זיך. מיין שטרויהוט, אים האַלט צו א גומע,
אַניט, וואָלט דער ווינט אים פֿאַרטראָגן אומזיסט.

הענגט ער אויפֿן קאַרק מיר — ס'וועט מיר ניט שטערן
נאָכלויפֿן דעם שטריקל, וואָס שלעפּט מיט די שלאַנג.
זי רייסט זיך ארויף, אַוועק וויל זי גערן.
מיין שפּאַגאַטל אָבער גענוג איז און לאַנג.

מיין שלאַנג וויל עס ווייטער, זי האָט זיך דערהויבן
פֿליט איבער די דעכער, ווער וויס, ערגעץ העט.
איך דאַרף זי דאָך קערעווען, איך קאָן ניט דערלויבן
זי זאָל אַנטלויפֿן, כ'יאָג מיט איר אין געוועט.

אֶפשר וויל זי ביזן הימל פֿארפֿליען,
האַלט איך דעם שפּאַגאַט מיט א זיכערער האנט.
איך יאָג דורך דעם געסל און מוז זיך באַמיען
זי זאָל ניט אַנטרינען — און דאָס שטריקל זיך שפּאַנט.

# הָעֲפִיפוֹן שֶׁלִּי

אֵיזֶה זֹהַר בַּחוּץ – בָּא הַקַּיִץ, סוֹף יוּנִי.
וַאֲנִי בַּסִּמְטָה רָץ יָחֵף וְצוֹחֵק.
כּוֹבַע־קַשׁ לְרֹאשִׁי מְחֻזָּק בְּחוּט־גוּמִי,
שֶׁהָרוּחַ לֹא תְּעִיפֶנּוּ הַרְחֵק.

הוּא תָּלוּי לִי עַל עֹרֶף; הוּא לִי לֹא מַפְרִיעַ
לָרוּץ עִם הַחוּט הַקָּשׁוּר לָעֲפִיפוֹן
הַנִּמְשָׁךְ מַעְלָה מַעְלָה, לִמְרוֹם הָרָקִיעַ.
אַךְ הַחֶבֶל שֶׁלִּי מִתְאָרֵךְ כְּמוֹ שְׁפִיפוֹן.

הוּא נִמְשָׁךְ, עֲפִיפוֹנִי; הָלְאָה הָלְאָה יָטוּס לוֹ,
עָף מֵעַל הַגַּגּוֹת לְאֵי שָׁם, לַחֵרוּת.
וְעָלַי לְהַשְׁגִּיחַ הֵיטֵב, פֶּן יָנוּס לוֹ...
אֲנִי רָץ וְעוֹרֵךְ עִמּוֹ תַּחֲרוּת.

אוּלַי הוּא רוֹצֶה לְהַמְרִיא עַד שָׁמַיִם?
אַחֲזִיק אֶת הַחֶבֶל בְּיַד בְּטוּחָה,
אָרוּץ בַּמּוֹרָד, אֲאַמֵּץ הָעֵינַיִם
לְבַל יֵעָלֵם... עֵין־הַחוּט מְתוּחָה.

## מיט בעז נאָך דעם באָדן

מיר וועלן ווידער בעז פֿון קוסטן ציפּן,
זיין דופט צעטראָגט זיך אינעם אָוונט ווייט,
א מיידל, א בלעטעלע פארזוכט מיט אירע ליפּן
— אין גאָלדנגליענדיקער כמאַרע די זון פֿאַרגייט.

א טשאַטע יינגלעך־מיידלעך, ווי מיר שפּרייזן!
פֿון הינטערשטאָט, שוין אויסגעבאָדענע צוריק.
א ווינטל א פארבלאָנדזעטער פאַרטראָגט אַ לייזן
ווידערקול פון אונדזער זמרל אויס לויטער גליק.

דער לילאַ בעז וואָס אים די מיידלעך טוליען
האָט פּאַר אַ ווייל אַרויסגעבליט ביים צוים,
און איצט זיין דופט אַן אַיידעלען וועט פילן
זיך אַ באַכישופטער דאָרט ביים אָוונטזוים.

# עִם פִּרְחֵי לִילָךְ אַחֲרֵי הָרַחֲצָה

וְשׁוּב נִקְטֹף פִּרְחֵי לִילָךְ מְשִׂיחַ,
רֵיחָם נִשָּׂא עִם רוּחַ־עֶרֶב לַמֶּרְחָב.
יַלְדָּה תּוֹלְשָׁה עַלְעַל לִטְעֹם וּלְהָרִיחַ,
הַשֶּׁמֶשׁ מִסְתַּתֶּרֶת בַּעֲנַן־זָהָב.

אֶשְׁכּוֹל בָּנִים־בָּנוֹת – גֶּלֶךְ בְּיַחַד
מֵאֲחוֹרֵי הָעִיר, עוֹלִים מֵרַחֲצָה.
הָרוּחַ הַתּוֹעָה נוֹשֵׂאת בַּת־קוֹל נִשְׁכַּחַת
שֶׁל מִזְמוֹרֵנוּ הַמְאֻשָּׁר, שֶׁגַּל־אֲוִיר חָצָה.

צַמֶּרֶת הַלִּילָךְ שֶׁיַּד בָּנוֹת לוֹטֶפֶת
פָּרְחָה לִזְמַן מוּעָט צְמוּדָה אֶל הַגָּדֵר;
עֲנֶגֶת־נִיחוֹחָהּ בְּמֶתֶק מְרַחֶפֶת
עַל כְּנַף־הָעֶרֶב בְּכִשּׁוּף זוֹהֵר.

## אַלט־גריכישער פּייזאַזש

איבער שטילע טייכן בלאָנדזען ווייך אַקאָרדן,
ביי די וואַסער־ליליעס די שטענגלאַך ציטערן קוים —
ס׳גייט אויף די לבנה, איז זילבערן געוואָרן,
אין זייערע טיפענישן זיין שפּיגל זוכט מיין טרוים.

אום אַרום די ברעגעס לאָזט דער פּאַן זיך הערן,
א צאַרטער ניגון פלאטערט פון זיין אָרגלפליית
ס׳שויקלט זיך דער ים־שטעקל פאלן טויען־טרערן,
דאָס האָט אזוי דער ניגון איבער זיי געוויי׳ט.

די נימפן פון די וועלדער האָט דאָס ליד געצויגן,
איצט קומען זיי, זיך שטעלן אין שאָטן פון אַ בוים
דאָס האַרץ אים ציטערט פריידיק, ער עפנט גרויס די אויגן,
ער זעט אַז ס׳איז די וואָר איצט — ס׳איז שוין מער קיין טרוים.

דערנענטערט זיך צו זיי ער, וויל טוליען זיי מיט מאַכט —
אַנטלויפן זיי און לאַכן — זיין מיאוסקייט ווערט פאַרלאַכט.

1927

# נוֹף יְוָנִי עַתִּיק

מֵעַל פְּלָגִים רוֹגְעִים צְלָלִים נָעִים בְּקֶסֶם,
מוּל שׁוֹשַׁנֵּי הַמַּיִם נָעִים וְרָדִים דַּקִּים.
הַלְּבָנָה עוֹלָה, זוֹרַעַת אוֹר שֶׁל כֶּסֶף,
וַחֲלוֹמִי אֶת בַּת־דְּמוּתוֹ יָתוּר בַּמַּעֲמַקִּים.

סָבִיב סָבִיב לַחוֹף שִׁירוֹ שֶׁל פַּן יָנוּעַ,
נִגּוּן עָנֹג וָרַךְ יוֹצֵא מֵחֲלִילוֹ,
קְנֵה הַסּוּף נִרְעָד, צוֹנֵחַ טַל דָּמוּעַ,
כָּךְ הַנִּגּוּן כָּבַשׁ אוֹתָם בְּהֵד צְלִילוֹ.

הֵד הַנִּגּוּן מָשַׁךְ אֵלָיו נִימְפוֹת מִיַּעַר
וְהֵן בָּאוֹת, בְּצֵל אִילָן עוֹמְדוֹת הֵן דֹּם,
לִבּוֹ נִרְעַד בְּגִיל, יִפְקַח עֵינָיו בְּסַעַר
וְיִרְאֶה: הַכֹּל אֱמֶת, וְאֵין פֹּה שׁוּם חֲלוֹם.

הוּא מִתְקָרֵב, הִנֵּה יִכְבֹּשׁ אוֹתָן מִמַּאֲרָב,
אַךְ הֵן נָסוֹת וְצוֹחֲקוֹת לְכִעוּרוֹ הָרַב.

1927

## דער שפּילער

די צעפּלאַמטע האָפענונג איז ניט געשטילט.
די קאָרט צום פינגער צוגעפּראָרן,
אויף איר האָב איך דעם גרויסן קאָן פאַרלאָרן —
איך האָב פאַרשפּילט.

אפילו ווען אַ שמייכל בלאָנדזעט ביטער
אַרום מיין אומעטיקער ליפּ
דאָך, איינצושטעלן איז געווען מיר ליב,
ס'איז ליב צו פילן יענעם פיבער־ציטער.

אַ נאַר איז דער, וואָס נאָר צוליב געווינסן
טוקט אין הויכע כוואַליעס זיך פון שפּיל,
אַ נאַר נאָר זעט אַ ווינקענדיקן ציל
מיט אָט אַזוי פיל קיילעכדיקע צינזן.

וואָס לויערט אים אויף יענעם הויקערוועג?
דער יאוש נאָר פון אומדערוואַרטע שלעג.

# הַקַּלְפָן

הַתִּקְוָה הַלּוֹהֶטֶת עוֹד לֹא דָּמְמָה,
הַקֶּלֶף כְּמוֹ קָפָא אֶל הָאֶצְבַּע,
לְכַסְפֵּי הַתּוֹפֵחַ הַקֵּץ בָּא –
הִפְסַדְתִּי, בְּלִי מָה.

אֲפִילוּ אִם תּוֹעֶה חִיּוּךְ מָרִיר בַּלָּאט
מִתַּחַת לִשְׂפָתַי הָעֲיֵפָה –
גַּם אָז תּוֹחֶלֶת הַהִמּוּר לִי עֲדִיפָה,
עָדִיף לָחוּשׁ אֶת לַהַט־רֶטֶט הַזּוֹלֵת.

אֱוִיל הוּא זֶה אֲשֶׁר בִּגְלַל הָרֶוַח
טוֹבֵל בְּנַחְשׁוֹלֵי הַמְּשַׂחֲקִים בְּלִי קֵץ,
וְרַק אֱוִיל רוֹאֶה הַיַּעַד הַקּוֹרֵץ
מוּל כֹּה הַרְבֵּה מְזֻמָּנִים יַלְדֵי הַשֶּׁבֶת.

וּמִי אוֹרֵב בְּדֶרֶךְ מְגֻבְנֶנֶת וּדְחוּיָה?
רַק הַיֵּאוּשׁ אֲשֶׁר מַנְחִית מַכָּה בִּלְתִּי־צְפוּיָה.

## מיין קינדער־פּסח

...און ווי אַמאָל – גאָר ניט ווי הי
שמייכלט אַריין דיר דורכן פענצטער
שוין פון גאַנץ אָנהויב, אין דער פרי
אַ פּסחדיקער טאָג – דער שענסטער!

איז כאַפּסט זיך אויף און אײַלסט זיך גיך,
אַריין אין מלבושל אין נייעם,
און שנעל פאַרשנירסט די יום־טוב שיך
מיט פּסח אין דער גאַס זיך פרייען.

דער דרויסן האָט זיך שוין צעשיינט,
סע לייכט דער פּסח אין די ליקן –
וואָס טוט מען מיט א גאַנצן היינט,
און נאָך וואָס קאָן דער פּסח שיקן?

די זון האָט שוין געטון אַ ברי,
אין גאַס די בלאָטע צוגעטרוקנט.
ווו לאָזט מען זיך אַוועק איצט ווו,
אָנקלייבן יום־טובדיקע גליקן?

סע וואַרט מסתמא אין הויף פון שול
די גאַנצע חֶברה, אין די טאַשן
ניס וועלשענע איז ביי זיי פול,
סע נישט צום קנאַקן נישט צום נאַשן,

נאָר מאַכן וועט מען אַ געוועט
אין קופּקעלעך די ניס צו שטעלן,
צו צילן זיכער און ווער טרעפט
מיט א וואָרף א פלינקן שנעלן?

# פֶּסַח שֶׁל יַלְדוּתִי

...וּכְמוֹ אֵי אָז – כָּל זֹאת אֶזְכֹּר –
מִן הַחַלּוֹן חִיֵּךְ אֵלֶיךָ
הַשְׁכֵּם הַשְׁכֵּם, עִם בֹּקֶר אוֹר
יוֹם־זִיו נִפְלָא שֶׁל פֶּסַח, אֶחָא.

אַתָּה נֵעוֹר וּמְמַהֵר
אֶל תּוֹךְ מַלְבּוּשׁ חָדָשׁ וָנוֹחַ,
אֶת נַעֲלֵי הֶחָג קוֹשֵׁר –
עִם פֶּסַח בָּרְחוֹב לִשְׂמֹחַ.

הַחוּץ נִשְׁטָף בְּאוֹר חָמִים,
בְּכָל סִמְטָה מֵאִיר הַפֶּסַח –
וּמָה עוֹשִׂים בְּיוֹם תָּמִים?
״מָה עוֹד יִשְׁלַח הֶחָג?״... – כָּל פֶּה סָח.

הַשֶּׁמֶשׁ כְּבָר הוֹרִידָה חֹם,
הַבֹּץ בָּרְחוֹב הָיָה לִיבֹּשֶׁת;
לְאָן נֵלֵךְ מִכָּאן הַיּוֹם
לְלַקֵּט שְׂמָחוֹת שֶׁל חַג וָאֹשֶׁר?

מוּל בֵּית־הַכְּנֶסֶת, בֶּחָצֵר,
עוֹמְדִים הַחֶבְרֶה – גּוּשׁ שָׂמֵחַ;
כָּל כִּיס אֶת אֱגוֹזָיו אוֹצֵר –
לֹא לֶאֱכֹל אוֹ לְפַצֵּחַ.

אֶלָּא עוֹרְכִים פֹּה תַּחֲרוּת –
הָאֱגוֹזִים עוֹרְמִים גָּבוֹהַּ,
כַּוֵּן הֵיטֵב לַמַּטָּרוֹת,
וּמִי יַצְלִיחַ בָּן לְקַלֵּעַ?

און ווער ניט טרעפט דער האָט פֿאַרשפּילט,
אומזיסט זענען די ניס געפֿאַלן,
און פּלוצעם האָט ער באַלד דערפֿילט
די טאַשן זענען ליידיק, אַלע...

עס איז דאָך נאָר געווען אַ שפּיל,
מיר הויבן אָן די ניס אויפֿציילן,
נישט ווייניקער און אויך נישט פֿיל,
מיר נעמען זיי אויף גלייך צעטיילן. —

און אפֿשר לאָזט מען זיך אַרויס
אין הינטער שטאָט צום פֿעלד שפּאַצירן?
די וועלט איז דאָך אי ווייט אי גרויס,
זי קאָן דיך ביז צום וואַלד פֿאַרפֿירן.

סע ציט די שמאָלע סטעזשקע גראָד,
די פֿעלדער קוים זיך ערשט צעגרינען —
אַ מהלך שוין פֿון אונדזער שטאָט,
דעם פּסח גייען מיר געפֿינען.

דעם יום־טוב וואָס מיט זיך פֿאַרבייט
אַ חמצדיקער גרוי, ווערט סדר,
אַ טיש אַ ליכטיקער איז גרייט
מיט מצות גאָלדענע פֿאַר יעדן.

איך האָב די קשיות אָפּגעפֿרעגט,
דעם אפֿיקומן אויך געפֿונען,
דער לאַנגער סדר איז אַוועק —
אין חלום האָב איך אים אין זינען.

וּמִי שֶׁלֹּא קָלַע – הִפְסִיד,
לַשָּׁוְא הָאֱגוֹזִים נָפְלוּ;
פִּתְאֹם הוּא חָשׁ וְרֹאשׁ מֵנִיד –
רֵיקִים כָּל הַכִּיסִים הַלָּלוּ...

אַךְ זֶה הָיָה מִשְׂחָק בִּלְבָד;
שׁוּב אֱגוֹזִים נִסְפֹּר בְּכֹשֶׁר;
וְלֹא יוֹתֵר, גַּם לֹא בִּמְעַט
אוֹתָם פֹּה נְחַלֵּק בְּיֹשֶׁר.

וְשֶׁמָּא נְטַיֵּל עַכְשָׁו
הַרְחֵק – עַד לַשָּׂדוֹת נַגִּיעַ?
הֵן הָעוֹלָם גָּדוֹל, רָחָב,
אוֹתְךָ לַיַּעַר הוּא יָבִיא עוֹד...

הַשְּׁבִיל הַצַּר נִמְשָׁךְ יָשָׁר,
עַל הַשָּׂדוֹת יַרְקוּת הֶנָּצָה;
הִרְחַקְנוּ כְּבָר מִן הַמִּדְבָּר,
הוֹלְכִים לִפְגֹּשׁ אֶת חַג הַפֶּסַח.

הֶחָג אֲשֶׁר הֶחְלִיף גָּוֶן
מִן הֶחָמֵץ הָיָה לְ'סֵדֶר';
מוּצָף בְּאוֹר עָרוּךְ שֻׁלְחָן
עִם זְהַב־מַצּוֹת לַכֹּל בַּחֶדֶר.

הִנֵּה שָׁאַלְתִּי הַקֻּשְׁיוֹת,
אֶת הָאֲפִיקוֹמָן מָצָאתִי;
הַ'סֵּדֶר' כְּבָר חָדַל לִהְיוֹת –
בַּחֲלוֹמִי אוֹתוֹ נָשָׂאתִי.

## וואָס זוך איך

וואָס זוך איך אויף בלומיקע לאָנקעס אין פרילינג
פון מיר אויסגעטראַכטן?
וויל איך אויף מיין שנייאיקן קאָפּ
מיר קרענצלאַך נאָך פלעכטן?
– דער אָנהויב פון וועג, מיין בלאָנדע טשופרינע –
געוועזן איז עס נעכטן?
אַ נאָגן פון בענקען פארטרייבסט ניט
מיט דער האנט נאָר א מאַך טון – –

מיין האַרץ וועט ניט ציילן מיינע טעג,
ניט די יאָרן,
ס׳וועט צוליב פוסטקייט
זיך ניט אונטערגעבן.
ווער זאָגט אַז איך
בין אַלט שוין געוואָרן?
ניט איך! – איך האַלט נאָך ביים שאַפן,
האַלט נאָך ביים געבן.

## מַה חִפַּשְׂתִּי...

מַה חִפַּשְׂתִּי בִּנְאוֹת־הַפְּרָחִים בָּאָבִיב,
יְצִירֵי דִמְיוֹנִי מוּזָרִים?
הֲרָצִיתִי עַל רָאשֵׁי הַמֻּשְׁלָג
לִקְלֹעַ זֵרִים?
בִּתְחִלַּת הַדֶּרֶךְ זָהֲבָה בְּלוֹרִיתִי,
הֶהָיָה זֶה אֶתְמוֹל?
לֹא תַרְחִיק הֶמְיַת גַּעְגּוּעַ
בְּהֶנֵף־יָד שֶׁיַּחְמֹל – –

לִבִּי לֹא יְסַפֵּר אֶת יָמַי,
אֶת שְׁנוֹתַי,
וּבִגְלַל רִיקָנוּת הוּא לֹא יִכָּנַע.
מִי אָמַר שֶׁעָלַי
כְּבָר קָפְצָה הַזִּקְנָה?
לֹא אֲנִי! – אֲנִי עוֹד יוֹצֵר,
עוֹד נוֹתֵן, עוֹד מוֹסֵר.

## דער געפאַלענער גאָט

אַ מזבח האָב איך מיר געמאַכט
ווי אַ וועלט גרויס — אויסגעטראַכט
אַן אָרט פאַר אים, מיין זעל.

כ׳האָב חלומות אים געוועבט,
אַ כהן גדול פאַר אים געלעבט —
קרבנות אויף זיין שוועל.

אַ בית־מקדש אים געשטעלט
אויס גינגאָלד. ער האָט זיך צעהעלט
אין זונענשיין מיט פראַכט. — — —

ווען דער מזבח איז צעשיט
געוואָרן גאָר אין איין מינוט
איז חצות געווען — ס׳איז נאַכט...

און ווען די זון האָט אויפגעשיינט,
געבליבן נאָר אַ שטיקל וואַנט
און חורבות אָן אַ מאָס.

דאָ אויף דעם געפאַלענעם גאָט
געלויכטן האָט די זון אָן גנאָד
און ס׳האָט געשפּראָצט יונג גראָז.

1921

## הָאֵל שֶׁנָּפַל

בָּנִיתִי לִי מִזְבֵּחַ רָם,
גָּדוֹל רָחָב בְּלִי גְבוּל, בּוֹ גַּם
מָקוֹם לָאֵל הוּכַן.

וַחֲלוֹמוֹת טָוִיתִי לוֹ,
כֹּהֵן גָּדוֹל יָצַרְתִּי לוֹ
וְעַל סִפּוֹ קָרְבָּן.

בָּנִיתִי לוֹ מִקְדָּשׁ שֶׁל פָּז,
בְּאוֹר חַמָּה כֻּלּוֹ מוּפָז,
בְּרֹב הָדָר יָהֵל.

עֵת הַמִּזְבֵּחַ הִתְפּוֹרֵר,
הַיּוֹם בֶּן־רֶגַע הִתְקַדֵּר,
הָיְתָה חֲצוֹת – וָלֵיל...

וּכְשֶׁהַשֶּׁמֶשׁ שׁוּב הֵאִיר
נוֹתַר מִמּוּל רַק בְּדַל שֶׁל קִיר –
וְהֶרֶס רַב נִגְלָה.

וְעַל הָאֵל אֲשֶׁר נָפַל
הִכָּה אוֹר־שֶׁמֶשׁ, לֹא חָמַל
וְעֵשֶׂב־בָּר עָלָה.

1921

* * *

דאָס בענקענדיקע רייסט זיך פונעם צוים.
(זעט אויס, שוין לאַנג זיך אויפגעכאַפּט פון שלאָפן)
ס׳האָט אַ שייכות עפּעס מיט מיין פריען טרוים
וואָס האָט מיין האַרץ פאַרפּירט, מיט אים אַנטלאָפן.
און איך רעד אויס מיין הארץ: ס׳איז נאָר אַ פּוסטער שוים,
ווי לאָזט מען זיך אַזוי? סע בלייבט געטראָפן:
״בעסער זיין פון חלום־פליגעלע אַ זוים,
אַ שורה אַ קליינינקע אפילו אין אַ סטראָפע,
ווי אין קעמערל פאַרגעסן דרימלען נאָר און שלאָפן
און הענגען אויף ממשות־פעסטער צוים.״

1940

## הַכְּשׁוּפִים...

הַכְּשׁוּפִים תּוֹלְשִׁים עַצְמָם מִסַּד בּוֹלֵם
(דּוֹמֶה שֶׁזֶּה מִכְּבָר הֵקַצְתִּי מִשְּׁנַת־לַיִל).
הֵם שַׁיָּכִים לָבֶטַח אֶל חֲלוֹם קוֹדֵם
שֶׁאֶת לִבִּי גָּרַר וְנָס לוֹ קַל־רַגְלַיִם.
אֲנִי שׁוֹפֵךְ לִבִּי: זֶה קֶצֶף שֶׁזּוֹרֵם,
אֵיךְ לְהַשְׁלִים עִם זֹאת? כִּי זֹאת נִקְבַּע בֵּינְתַיִם:
"מוּטָב לִהְיוֹת נוֹצָה בִּכְנַף חֲלוֹם אִלֵּם,
שׁוּרָה קְטַנָּה מְאֹד בְּשִׁיר אוֹ בַּיִת,
מִלַּחֲלוֹם בְּתָא שָׁכוּחַ וּלְנַמְנֵם
וּלְהִכָּבֵל בְּמַמָּשׁוּת אֶל סַד בּוֹלֵם".

1940

## מיינע גראַמען

כ׳האָב גענומען אַ נישטער טון
אין די פאַרוואָרפענע ווינקלען,
צי ליגן דאָרט נישט האַלב־פאַרגעסענע גראַמען.
וויל איך זיי אויפזוכן, אַ מונטער טון זיי
פון דעם חלושתדיקן דרימל.

כ׳וועל זיי אַלע ווו זיי זענען, איצט צוזאמען
נעמען. אָפּרייניקן פון פאַרדומפּענעם שימל.
אויספּוצן ווי דימענטן, זיי זאָלן פינקלען.
וועלן זיי ווי די עטרות מיר באַצירן
אַ יעדע סטראָפע אינעם ליד – זינגענדיקע שירה.

איך וועל זיי אָפּהיטן, פּיעשטשען זיי און קעכלען.
די מדברווינטן זאָלן זיי ניט בראָטן,
וועל איך זיי מיט שטרויספעדערן באַפעכלען.
אונטער זייערע אַיידעלע פיאַטעס, פערסישע דיוואַנען,
ס׳זאָל חלילה זיי ניט ריצן דערנער אָדער שפּליטער.
די חלומות זייערע בלויע שיצן
פאַר לבנה־שיין שפינוועבס כ׳וועל אויפשפּאַנען,
און פאַר אלדי בייזע רוחות, דאָן־קיכאָטס מחנות ריטער.

וואָסזשע פעלט דען זיי ביז איצטער
דימענטע דיאדעמען?
די ריינסטע פערל אין אַ שנירל זיי צו צילען,
הענגען איבערן צאַרטן בויגן פון די ברעמען
און דעם בוזעם צו באַשיינען מיט די אַיידעלע ליליען.

## הַחֲרוּזִים שֶׁלִּי

יָצָאתִי לְבַקֵּשׁ וּלְחַפֵּשׂ
בְּכָל מִינֵי פִּנּוֹת שֶׁל סְתָם,
אוּלַי אֶמְצָא שָׁם חֲרוּזִים שְׁכוּחִים לַאֲלָפִים;
אֲנִי רוֹצֶה לִלְקוֹט וּלְנַעֵר אוֹתָם
מִכָּל הַחֲלוֹמוֹת הַמְעֻלָּפִים.

אֶלְקֹט וַאֲכַנֵּס אוֹתָם מִן הַחֲלוֹם,
אָסִיר מֵעֲלֵיהֶם הָעֹבֶשׁ וְהַסְּחִי,
אֶלְטֹשׁ אוֹתָם עַד לְבָרָק שֶׁל יַהֲלוֹם
וַאֲשַׁבֵּץ אוֹתָם בְּנֵזֶר עֲטָרָה,
כָּל בַּיִת פִּיּוּטִי – שִׁירָה מְזֻמָּרָה.

אֵשֵׁב בָּם לְטַפֵּל, אֶלְטֹף וַאֲפַנֵּק,
לְבַל יַכּוּ בָּהֶם רוּחוֹת מִדְבָּר.
וּבְנוֹצוֹת יָעֵן מַשָּׁב קַלִּיל מוּלָם אָפִיחַ,
לְרַגְלֵיהֶם הָעֲנֻגּוֹת אֶפְרֹשׂ מַרְבַד יָקָר,
בַּל תִּדָּקַרְנָה מִקּוֹצִים אוֹ מֵחָצָץ.
סָבִיב תְּכֵלֶת חֲלוֹמָם אֶטְוֶה לְלֹא כִּישׁוֹר
קוּרִים שֶׁל עַכָּבִישׁ, מָגֵן מֵאוֹר יָרֵחַ;
וּמֵרוּחוֹת רָעוֹת – כָּל אַבִּירָיו שֶׁל דוֹן קִישׁוֹט.

מָה עוֹד חָסֵר לָהֶם עַכְשָׁו –
מַחְרֹזֶת אַבְנֵי חֵן נוֹגַהּ?
אֶת הַפְּנִינִים הַטְּהוֹרוֹת הִנֵּה אַשְׁחִיל עַל חוּט,
אֶתְלֶה מֵעַל לְקֶשֶׁת־מֵצַח עֲנֻגָּה
וַאֲרַפֵּד הַחֵיק בְּזֵר חֲבַצָּלוֹת־מַלְכוּת.

גראַמען מיינע, איך דאַרף אייך גאָרניט פּרוּוון זוכן,
איר געפינט זיך דאָך ביי די חלומות אין מיינע קינדערוויגן,
ווי קרישקעלעך געוואָרפענע פון דעם ברית־מילה קוכן
פאר די חדר־ייִנגלעך אַ טייל געבליבן אין זיי ליגן,
צווישן קישעלע און ציכל אין די פאַלדן
דרעמלדיקע זענען זיי באַהאַלטן.

וועל איך זיי אויפהויבן, אַ מונטער טון, אַ הויך טון
און וועלן מיט דעם שענסטן קינדער־חלום זיין באלויכטן.
איך וועל זיי אַיינפאַסן אין דער קרוין פון אַלע קינדער־מַעשׂיות,
ווו די ווייסע ציגעלעך דאָרט זיך אויף דער לאָנקע פּאשען.

הוֹ, חֲרוּזִים שֶׁלִּי, אֵין צֹרֶךְ לְחַפֵּשׂ אֶתְכֶם מִלְּכַתְּחִלָּה,
כִּי נִמְצָאִים אַתֶּם כֻּלְּכֶם בַּחֲלוֹמוֹת יַלְדוּת שֶׁלִּי,
כִּפֵרוּרֵי עוּגָה שֶׁנִּזְרְקוּ בְּטֶקֶס בְּרִית־מִילָה
לְכָל יַלְדֵי הַ'חֶדֶר', הֵם נִשְׁאֲרוּ וְנִרְדְּמוּ אֶצְלִי
בֵּין קִפְלֵיהֶן שֶׁל הַכָּרִית וְהַצִּפִּית, דּוֹמָם
שָׁם מִסְתַּתְּרִים כֻּלָּם, שְׁקוּעִים בַּחֲלוֹמָם.

הִנֵּה אָרִים אֶתְכֶם, אֶנְשֹׁף בָּכֶם וַאֲנַעֵר,
אָצִיף אֶתְכֶם בְּאוֹר־יַלְדוּת חָלוּם, זוֹהֵר,
וַאֲשַׁבֵּץ אֶתְכֶם בְּזֵר מַעֲשִׂיּוֹת־הַיְלָדִים אֲשֶׁר פָּרְחוּ,
כְּמוֹ הַגְּדָיִים הַלְּבָנִים אֲשֶׁר רוֹעִים בָּאָחוּ.

## צוליב אַ ליד

און אַלץ דאָס צוליב אַזאַ ליד
וואָס שלייכט זיך אין מיין נשמה –
ס׳וויינט אויף די סטרונעס און זיד...
– און ס׳האָט מיך באַפאַלן
אַ טיף־איניקער טרויעריקער ווײ –
ס׳איז אלץ שוין פאַרפאַלן –
אַן עק...

מיר האָבן דערגרייכט שוין דעם ברעג
און מער ניט אַריבער –
ווי אויף קבר־אָבות פון טייערסטע גריבער – – –
געפּטרטער ליבע,
ווי מיינע וועלטן געוואָרן צעפאַלן.

* * *

ס׳איז קראַנק מיין געמיט –
ווי וועל איך עם קאָנען פאַרטראָגן?
ווי לאַנג וועט זי דויערן – און בלייבן?
וועמען דערציילן און זאָגן?

נעם איך זיך שרייבן – –
צוגלייך ווי די מושל מיט איר קערנדל
איז קראַנק, געבערט זי איר פערל,
איך אֶפשר אַ ליד.

## בִּגְלַל שִׁיר

וְהַכֹּל בִּגְלַל שִׁיר שֶׁכָּזֶה
שֶׁאֶל נִשְׁמָתִי הִתְגַּנֵּב לוֹ –
בּוֹכֶה עַל נִימֵי מֵיתָרִים וְהוֹזֶה...
וְעָלַי הִסְתָּעֵר כְּמוֹ גְּדוּד
כְּאֵב עִגְמוּמַי וְעָמוֹק,
הַכֹּל כְּבָר אָבוּד –
בָּא סוֹף...

וַאֲנַחְנוּ הִגַּעְנוּ לַחוֹף
אַךְ אֵלָיו לֹא יָרַדְנוּ בְּדָמִי,
כְּמוֹ עַל קֶבֶר־אָבוֹת הַיָּקָר, מוּל אֶבֶן־מַצֶּבֶת – – –
אַהֲבָה נִטְמְנָה בְּעַצֶּבֶת,
כְּאִלּוּ חָרַב עוֹלָמִי.

* * *

נִתְקַפְתִּי הֵלֶךְ־נֶפֶשׁ חוֹלֶה –
אֵיךְ אַצְלִיחַ לָשֵׂאת זֹאת, הוֹ אֵיךְ?
כַּמָּה זְמַן הַכְּאֵב יִמָּשֵׁךְ?
וּלְמִי אֲסַפֵּר, אֲגַלֶּה?

בִּכְתִיבָה הַשָּׁעוֹת אַעֲבִיר – –
וּכְמוֹ קוֹנְכִיָּה שֶׁגַּרְגֵּר בְּבִטְנָהּ
הִיא חוֹלָה וְיוֹלֶדֶת פְּנִינָה,
אֲנִי – אוּלַי שִׁיר.

## אַ ליד...

אַ ליד מיט אַ האַרציקן ניגון
גייט מיר אין זינען אַרום —
זינגט אזוי וואַרעם אי טרויריק,
און כ׳האָרך אַריין אין זיך שטום.

ס׳דוכט מיר אַזוי ווי פּאַר צייטן
מיין מיידל גייט דאָ לעבן מיר.
ס׳איז פרילינג — מיר שפּאַנען דורך פעלדער,
מיין האַרץ איז פול אָן אַ שיעור.

די ליבע ווי די הייליקע שכינה
איז איבער אונדז אויסגעשפּאַנט —
מיר שפּרייזן דעם לעבן אַנטקעגן
און האַלטן זיך האַנט אין אַ האַנט.

אַ ליד מיט אַ האַרציקן ניגון
זינגט אין מיין טרויער אַריין —
איך האָרך דאָ — דאָס קול פון מיין מיידל...
און אֶפשר דער טרויער וועט פאַרגיין.

## מִזְמוֹר

מִזְמוֹר בִּנְעִימָה מְלַבֶּבֶת
מִתְנַגֵּן בְּתוֹכִי וְסָבִיב –
מִתְנַגֵּן לוֹ בְּחֹם וּבְעֶצֶב
וַאֲנִי כְּאִלֵּם לוֹ מַקְשִׁיב.

לִי נִדְמֶה כִּי עַתָּה, כְּמוֹ פַּעַם
נַעֲרָתִי הִצְטָרְפָה לַטִּיּוּל;
יוֹם אָבִיב, בֵּין שָׂדוֹת פּוֹסְעִים אָנוּ
וְלִבִּי מִתְמַלֵּא עַד בְּלִי גְּבוּל.

אַהֲבָה, כִּשְׁכִינָה מְקֻדֶּשֶׁת,
מֵעָלֵינוּ פְּרוּשָׂה לְכָל צַד;
לִקְרַאת הַחַיִּים הוֹלְכִים אָנוּ,
אוֹחֲזִים בְּעֶדְנָה יָד בְּיָד.

מִזְמוֹר בִּנְעִימָה מְלַבֶּבֶת
מִתְנַגֵּן בְּנִימֵי עִצְבוֹנִי;
אַקְשִׁיב לוֹ – הֵן קוֹל נַעֲרָתִי הוּא...
וְאוּלַי יַחֲלֹף יְגוֹנִי.

## ליד

ווערטער זעלטענע – ווי פּערל
פֿון טיפֿן זיי וועלן זיך דרענגען.
און איך וואָלט געוואָלט זיי באַשווערן
צו קענען זיך אַלע פֿאַרשענקען.

דאָס וועט זיין דער גאָב נאָך דער טייערסטער,
דאָס אינערסטע פֿון האַרצן וועט קוועלן –
ווי צעפּלאַטערטע טויבן באַפּרייסט זיי
צו ווייטן און ברייטן די העלע.

באַציר זיי נאָך מיט די קלאַנגען
וואָס האָבן אין האַרץ דיר געדרימלט,
ווי קערנער אין גאָלדענע זאַנגען
גערייפט האָט דער זומריקער הימל.

פֿאַרברידערט אַ ליבענדער צווילינג,
דער ניגון מיט געצערטלטע ווערטער
איז איבער די טעג פֿון אַ פֿרילינג
געשוועבט אין אַ ליד – כ׳האָב דערהערט עס.

## שִׁיר

מִלִּים נְדִירוֹת – כִּפְנִינִים הֵן
הַפּוֹרְצוֹת מִמְּצוּלוֹת בַּחֲשַׁאי;
לוּ יָכֹלְתִּי אוֹתָן לְהַשְׂבִּיעַ,
שֶׁאוּכַל אֶת כֻּלָּן לָתֵת שַׁי.

זוֹ תִּהְיֶה הַתְּשׁוּרָה הַמֻּבְחֶרֶת,
הֵד עָלוּם הַנּוֹבֵעַ מִלֵּב –
כְּעֵדָה שֶׁל יוֹנִים מְשֻׁחְרֶרֶת
שֶׁהִמְרִיאָה אֶל רֹחַב שָׁלֵו.

אֲעַטְּרֵן בִּנְעִימָה הַנִּלְהֶבֶת
שֶׁרָדְמָה בַּלְּבָבוֹת לְלֹא חַיִץ,
כִּזְרָעִים בְּשִׁבֹּלֶת מֻזְהֶבֶת
שֶׁהִבְשִׁילוּ בְּחֹם שְׁמֵי הַקַּיִץ.

תְּאוֹמִים נִלְבָּבִים צָצוּ – שְׁנַיִם:
הַמִּלִּים הַקְּסוּמוֹת עִם הַלַּחַן,
וּבְיוֹם אֲבִיבִי עַל כְּנָפַיִם
רִחֲפוּ בְּתוֹךְ שִׁיר – הִנֵּה כָּכָה...

# אַ ניגון אַזאַ

ס׳בענקט זיך צום טרויריקן ניגון
וואָס ביי לבנה־שיין האָט זיך געטראָגן
איבער די דעכער פון אונדזער ליקל,
און מיט אַ זיפץ צו ווערן אַנטשוויגן.

נאָר אַ פידעלע האָט געקאָנט אזוי קלאָגן
פון געוועזענע פארלוירענע גליקן.
נאָר אַ פידעלע אזוי האָט געקאָנט זיך צעלאָזן
און וויינען צום נאַכטישן הימל:

אַז עמעץ האָט ועמען פאַרלאָרן,
אַז עמעץ האָט וועמען פאַרלאָזן
און ועט שוין דעם וועג מער נישט טרעפן,
און וועט שוין צוריק מער נישט קומען...

סע דריקט ווער די פויסטן צו שלעפן
און אין פיין פארבייסט ווער די ליפן
און האלט זיך קוים איין פון אַ כליפן — — —
דער ניגון שטיל איז געוואָרן...

ס׳ווידערקול חזרט אים איבער
אַריין אין לבנה׳קן אָוונט:
אוי, טרויריקער ניגון און ליבער!

די נאַכטישע שאָטנס זיך וועקן
און קענען ניט ווערן אַנטשלאָפן — — —

# נִגּוּן שֶׁכָּזֶה

מַה נִּכְסַפְתִּי לְזֶמֶר הָעֶצֶב
שֶׁרִחֵף לוֹ לְאוֹר הַיָּרֵחַ
עַל גַּגּוֹת הַסִּמְטָה, מִתְיַפֵּחַ,
וְנָדַם בַּאֲנָחָה לְלֹא קֶצֶב.

רַק כִּנּוֹר מְסֻגָּל לְקוֹנֵן כָּךְ
עַל שְׁעַת אֹשֶׁר יָפָה שֶׁחָלְפָה לָהּ;
רַק כִּנּוֹר מְסֻגָּל לְרוֹנֵן כָּךְ
וְלִבְכּוֹת אֶל רְקִיעַ הַלַּיְלָה:

אִם אִבֵּד מִישֶׁהוּ אֶת רֵעֵהוּ,
אִם נָטַשׁ מִישֶׁהוּ אֶת בֵּיתֵהוּ
וְלֹא יִמְצָא לְעוֹלָם אֶת הַדֶּרֶךְ
וְלֹא יָשׁוּב עוֹד אֵלֵינוּ שְׁרוּט־בֶּרֶךְ...

מִי לוֹחֵץ אֶגְרוֹפָיו לְרַקּוֹתַיִם,
מִי נוֹשֵׁךְ בִּכְאֵב הַשְּׂפָתַיִם
וְכוֹלֵא דִּמְעוֹתָיו בָּעֵינַיִם?...

הַנִּגּוּן מִשְׁתַּתֵּק וְגוֹוֵעַ — — —

וְהַהֵד מַחֲזִיר אֶת הַזֶּמֶר
אֶל תּוֹךְ דִּמְדּוּמֵי הָעֶרֶב:
אוֹי, נִגּוּן כֹּה אָהוּב וְרַב־עֶצֶב!

צֵל־הַלַּיְלָה פּוֹקֵחַ אִישׁוֹן
וְאֵינוֹ מְסֻגָּל עוֹד לִישׁוֹן — — —

# רייפֿע פּייגן

## סיזיפוס אַרבעט

ווייַן ניט, דאָס זענען פֿאַרלוירענע טרערן,
דיר וועט עס ניט העלפֿן, דעם נוגש ניט שטערן.
שטאַרק איצט דיין האַרץ, פֿאַרבייס דיינע ליפּן,
קום, מיר וועלן צוזאַמען באַרג אַרויף שטופּן
די מַשׂא פֿון גורל באַשערטן. איך וועל דיר העלפֿן,
מע טאָרניט אין מיטן וועג איבערלאָזן
דעם שטיין וואָס מיר שלעפּן – וואָס זאָל זיך ניט טרעפֿן,
ווייל מיר וועלן פֿון אַלע זיין דאַן פֿאַרלאָזן –
דער עיקר פֿון זיך אַליין זיין פֿאַרלאָזן...
די מַשׂא דער שטיין מיטן גורל פֿאַרקניפּן,
מע טאָר ניט אַ שמייס טון, אליין זיך פֿאַראָטן,
גאָרט דיינע לענדן, פֿאַרבייס דיינע ליפּן,
שפּאַן איין זיך ווידער, ווי גאָט האָט געבאָטן.

# תְּאֵנִים בְּשֵׁלוֹת

## עֲבוֹדַת סִיזִיפוּס

אַל תִּבְכֶּה, דִּמְעוֹת־שָׁוְא הֵן כָּלָּנָה,
לְךָ לֹא תוֹעֶלְנָה, לַנּוֹגֵשׂ לֹא תִּפְרַעְנָה.
אַמֵּץ אֶת לִבְּךָ וּנְשֹׁךְ הַשְּׂפָתַיִם,
בּוֹא, נִדְחֹף אֶת הַסֶּלַע מַעְלָה בִּשְׁנַיִם –
זֶהוּ צַר־הַגּוֹרָל. יָד אוֹשִׁיט לְךָ וּבֶרֶךְ,
כִּי אָסוּר לַעֲזֹב פֹּה, בְּאֶמְצַע הַדֶּרֶךְ,
אֶת הַצּוּק שֶׁגָּרַרְנוּ עַד הֵנָּה, וִיהִי מָה,
פֶּן נֶפְקַר מִן הַשְּׁאָר בְּלִי לָנוּעַ קָדִימָה.
הֶחָשׁוּב פֹּה מִכָּל הוּא לִסְמֹךְ עַל כֹּחֵנוּ...
נְאַגֵּד אֶת הָעֹל עִם הַגּוֹרָל הַגָּבוֹהַּ,
אָסוּר פֹּה לִמְרֹד, תֵּן עֵצָה לְנַפְשֶׁךָ,
אֱזֹר חֲלָצֶיךָ וּנְשֹׁךְ אֶת שְׂפָתֶיךָ,
הִכָּנֵס שׁוּב לַתֶּלֶם, כְּצַו הָאֱלֹהַּ.

# האָפענונג

פאַרמאַך איצט די טירן אויף אַלע שלעסער,
די פענצטער פאַרשפּאַר און די לאָדן.
ס׳קומט שטורם; ר׳וועט ווערן אַלץ שטאַרקער און גרעסער,
ווער ווייסט וויפיל אָנטון וועט שאָדן.

פרעגסט צי דאָס אַלץ וועט זיין טאַקע בטחון,
צו מיט דעם וועל מיר זיין אמת זיכער.
דער שטורם האָט נאָר וואָס איצט אויסגעבראָכן,
הערסט ווי עס יאָמערט, דער וויכער?

באַרויִק די נערוון, שטאַרק זיך, ניט ציטער,
אין צוים האַלט די צעברויזטע געפילן.
אזוי ווי עס קומט, פאַרגייט דאָס געוויטער
און האָפן מיר אויף אַן אָוונט אַ שטילן.

# תִּקְוָה

סְגֹר נָא מַהֵר הַדְּלָתוֹת עִם בָּרִיחַ,
הָגֵף כָּל חַלּוֹן וְכָל תְּרִיס.
סוּפָה בָּאָה! אֵימָה הִיא תָּגִיחַ,
מִי יֵדַע מַה חֻרְבָּן תַּעֲמִיס?

שָׁאַלְתָּ אִם זֹאת בִּטָּחוֹן פֹּה יְבִיאָה,
אִם נִהְיֶה בְּטוּחִים מִכָּל רַע?
הַסּוּפָה זֶה עַתָּה הִתְפָּרְצָה בְּמַפְתִּיעַ,
הֲתִשְׁמַע אֵיךְ תִּשְׁאַג וְתִקְרָא?

הֵרָגַע, הִתְחַזֵּק, וְאַל נָא בְּרַעַד,
רַסֵּן הַחֲשָׁשׁ שֶׁבַּלֵּב.
כְּשֵׁם שֶׁהִיא בָּאָה כָּךְ הִיא גּוֹוַעַת.
יֵשׁ תִּקְוָה פֹּה לְעֶרֶב שָׁלֵו.

# אין שפּיטאָל

**פאר דער אָפּעראַציע**

אַ העלע ליכטיקע ציכטיקע תּפיסה,
די תּושבֿים אין ווייסע מונדירן – כאַלאַטן.
אָפּגעשיידט פֿון דרויסן מיט גלעזערנע קראַטן –
איבער אַלעם דער דעמער פֿון אַייביקער גסיסה.

נאָר איך האָב אין דרויסן די מורא געלאָזן,
אהער מיטגעבראַכט מיין גורל דעם שטומען,
כ׳גיב זיך ניט אָפּ דין וחשבון – ווען ער קומען.
אָן ביטערנעש רו איך און אויך אָן פאַרדראָסן.

הלמאַי ס׳ציט זיך די צייט דאָ א ביסעלע לענגער,
די נעכט האָבן גאָר צעצויגענע שעה׳ן.
דער ווייטיק דערוואַרט קוים דאָס מאָרגיקע גראָען.

מיר אַרט ניט דער קומענדער טאָג וואָס וועט ברענגען
– זיי זיך אַליין דער שומר און היטער,
כ׳נעם אויף דעם וועג מיט אַ רויִק געמיט מיר.

# בְּבֵית הַחוֹלִים

לִפְנֵי הַנִּתּוּחַ

בֵּית־כֶּלֶא בָּהִיר, שְׁטוּף אוֹרָה שֶׁהֶנְצָּה,
תּוֹשָׁבָיו בְּמַדֵּי חֲלוּקִים כֹּה צַחִים,
מְנֻתָּק מִן הַחוּץ בְּסוֹרָגִים שֶׁל זְכוּכִית.
עַל הַכֹּל דִּמְדּוּמִים שֶׁל גְּסִיסָה בַּת נֶצַח.

אַךְ אֲנִי הִתְקַלַּפְתִּי בַּחוּץ מִן הַפַּחַד
וְהֵבֵאתִי אִתִּי אֶת גּוֹרָלִי הַשַּׁתְקָן.
לֹא אָכִין חֶשְׁבּוֹן־נֶפֶשׁ; הוּא יַגִּיעַ עַד כָּאן.
בְּלִי רִטּוּן וּמְרִירוּת פֹּה אֶשְׁכַּב לִי בְּנַחַת.

הַלְמַאי פֹּה הַזְּמַן עוֹד וָעוֹד מִתְמַתֵּחַ,
שָׁעוֹת אֲרֻכּוֹת לִבְלִי קֵץ יֵשׁ לַלַּיְלָה.
הָעֱנוּת מְיַחֶלֶת לַבֹּקֶר, כִּי וַי לָהּ.

הַיְנוּ הַךְ מַה יָּבִיא לִי הַיּוֹם הַזּוֹרֵחַ,
הֱיֵה נָא אַתָּה הַשּׁוֹמֵר שֶׁל גּוּפְךָ
וְקַח נָא לַדֶּרֶךְ הַשַּׁלְוָה הַבְּרוּכָה.

# אַ חסידיש געבעט

ריבוֹנוֹ של עולם, שענק מיר נאָך עטלעכע טעג,
מיר גלוסט זיך נאָך בלייבן, כ׳וויל נאָך ניט אַוועק.
שענק, צו וואָס איז דיר דאָס אײַלן?
עפן די הענט און הער אויף צו ציילן.

ווייסט דאָך, איך דאַרף אַזוי פיל נאָך באַזאָרגן
און וואָס איז דאָס אײַלן? צי היינט צי גאָר מאָרגן?
אַזאַ גרויס שטיק פּראַצע וואַרט אויף מיר פּאַרטיק צו מאַכן
און עס וואַלגערן אַרום זיך די ניט־פֿאַרענדיקטע זאַכן.

זײַ מיר, ריבוֹנוֹ של עולם, ניט אַזאַ בעל־חשבון אַ שטרענגער,
שענק מיר אַ ביסל נאָך, לאָז אויף דער וועלט מיך אַ ביסעלע לענגער,
איך בעט דיך אין מײַן אֶמתן האַרציקן יידישן לשון:
עפן דײַן זשמעניע, וואַרף צו מיר אַ פּאָר קופּערנע גראָשן!

# תְּפִלָּה

נֹסַח חֲסִידִי

רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, עוֹד יָמִים אֲחָדִים בְּטוּבְךָ הַעֲנֵק לִי,
אֲנִי רוֹצֶה עוֹד לִהְיוֹת פֹּה, לֹא רוֹצֶה עוֹד לְהִסְתַּלֵּק לִי.
אָנָּא, מַה הַחֲפָזָה, אֵל גִּבּוֹר?
פְּתַח הַיָּד וַחֲדַל נָא לִסְפֹּר.

הֵן תֵּדַע, דְּאָגוֹת לִי עַל רֹאשׁ עַד שָׁמַיִם,
וּמַה הַבְּהִילוּת – אִם הַיּוֹם, אוֹ מָחָר־מָחֳרָתַיִם?
יֵשׁ הַרְבֵּה עִנְיָנִים שֶׁעָלַי לְהַשְׁלִים פֹּה
וּדְבָרִים לֹא גְמוּרִים מִסָּבִיב מֻטָּלִים פֹּה...

אַל תִּהְיֶה נָא, אֵלִי, בַּעַל־חֶשְׁבּוֹן קַפְּדָנִי שֶׁכָּזֶה,
חוּסָה נָא, הַשְׁאִירֵנִי עוֹד קְצָת בָּעוֹלָמְצִ׳יק הַזֶּה.
בְּלָשׁוֹן יְהוּדִית וּבְלֵב טָהוֹר פָּנִיתִי אֵלֶיךָ:
שְׁתֵּי פְּרוּטוֹת שֶׁל נְחֹשֶׁת הַשְׁלֵךְ נָא אֵלַי מִבֵּין אֶצְבְּעֶיךָ...

# מידות

אומוערטן פון אַלע ווערטן...

(ניטשע)

ס׳וואַלגערן זיך אַלע מידות אינעם רינשטאָק,
אויסגעקערט זיי פון די אַלקערס מיט אַ בעזעם,
פלאָנטערן זיי זיך איצטערט אין די גאַסן —
״ווי די נפילים כ׳בין אַמאָל געוועזן״...

באַרימען זיי זיך, נאָר קיינער וויל ניט הערן.
ווי ערב פסח, מע לופטערט איצט די שטובן,
רייניקט מען דאָס אומנוצע אַרויס אין דרויסן,
איז מען בודק, חמץ ערגעץ ניט פאַרבליבן?

ווי אַלטע אָפּגעבליאַקעוועטע בלעטער,
וואָס קיינער גיט זיך ניט די מי זיי מער צו לעזן,
אויסגעקערט ווי מיסט זי אויף אַ הויפן,
ניט אַכט, וואָס זענען גאָר אַמאָל געוועזן...

אַן אָפּגעריבענע מטבע וואָס האָט איר ווערט פאַרלוירן,
וועסט אויף דעם מאַרק שוין גאָרניט פאַר דעם קויפן,
שליידערסט זי אין רינשטאָק איצט אַוועק זי,
זאָל זי מיט דעם אָפּפאַל איצט מיטלויפן.

# עֲרָכִים

חַסְרֵי הָעֲרָכִים מִכָּל הָעֲרָכִים...
(ניטשה)

הָעֲרָכִים כֻּלָּם אֶל הַבִּיּוּב הֻשְׁלְכוּ,
הַמְּטָאטֵא סִלְּקָם מֵעַל כַּנָּם בְּזַעַם;
בַּסְּמְטָאוֹת הֵם מְשָׁרְכִים דַּרְכָּם בְּיַחַד –
"כְּמוֹ הַנְּפִילִים הָיִינוּ פַּעַם..."

כָּךְ מִתְגָּאִים הֵם, אֲבָל אֵין לָהֶם שׁוֹמֵעַ.
מְאַוְרְרִים עַתָּה – כִּבְעֶרֶב פֶּסַח – אֶת הַבַּיִת,
וְכָל שֶׁאֵין בּוֹ צֹרֶךְ מוֹצִיאִים הַחוּצָה
וּבוֹדְקִים: הַאִם נִשְׁאַר אֵי־שָׁם חָמֵץ כְּזַיִת?

כְּמוֹ דַּפִּים אֲשֶׁר דָּהוּ וְנִתְבַּלּוּ,
שֶׁאִישׁ לֹא עוֹד יִקְרָא לְאוֹר הַשֶּׁמֶשׁ,
כְּמוֹ אַשְׁפָּה הֵם נִגְרְפוּ לְתֵל גָּבוֹהַּ
בְּלִי לִזְכֹּר מַה הֵם הָיוּ רַק אֶמֶשׁ...

כַּאֲסִימוֹן שָׁחוּק אֲשֶׁר אִבֵּד כָּל עֶרֶךְ,
בּוֹ לֹא תִּקְנוּ בַּשּׁוּק דָּבָר, מִצְרָךְ אוֹ סֹלֶת –
רַק תַּטִּילוּהוּ לַבִּיּוּב אֲשֶׁר בַּדֶּרֶךְ
וּבוֹ יִשְׁקַע וְיִסָּחֵף עִם כָּל הַפְּסֹלֶת.

# לאַנגווייל

ווי אַ קרקע טרוקן, פֿון לאַנג דער רעגן אויסגעמיטן,
צעשוונדן און צעריסן און צעשפּאָלטן,
אַ וויסטעניש, ווי קיינמאָל קיין תּבֿואה ניט געוואַקסן, ניט געשניטן,
אַ לאַנד א ברייטס מיט דאַרעניש פֿאַרשאָלטן.

פֿון אויבן מיט אַ גלייכגילט בלאַנקט אַרונטער
אַ הימל אַ ליידיקער פֿון לויטער גרעלקייט.
קיין כמאַרקעלע דאָס פּלימערן האָט ניט געמינערט —
די צייט, זי שטייט אַן אייביקייט — ניט פּויזען און ניט שנעלקייט.

צומאָל באַפֿאַלט דיך ביים אָנבליק יאוש אָדער טרויער,
דער שטח האָט געקאָנט דאָך זיין אַ בליונג, אַ גן־עדן:
אַוודאי אַן אָנשטרענג, אוודאי אויסהארן, אַ ביסל דויער,
מיט עקשנות, ניט אָפּגעלאָזנע הענט, וואָלט מען געקאָנט פֿארמיידן
דעם מדבר דעם אַיינטאָניקן. אין די אָדערן דער חשק און דאָס פֿיבער
צו פֿארטרייבן די גענעצדיקע לאנגווייל וואָס פֿאַרגליווערט.

# שִׁמָּמוֹן

כְּמוֹ קַרְקַע צְחִיחָה שֶׁלֹּא בֹּרְכָה בְּגֶשֶׁם,
קְרוּעָה, סְדוּקָה וּמְבֻקַּעַת –
שְׁמָמָה, שֶׁמֵּעוֹלָם לֹא לִבְלְבָה תְּבוּאָה שָׁם,
אֶרֶץ רְחָבָה, שֶׁקֻּלְּלָה בְּיֹבֶשׁ־לַהַט.

בַּאֲדִישׁוּת צוֹפֶה מִן הַגְּבָהִים לְמַטָּה
רָקִיעַ רֵיק בְּבֹהַק מְסַנְוֵר.
אַף עָב קַלָּה אֵינָהּ נִרְאֵית שָׁם שָׁטָה,
הַזְּמַן קָפָא לָעַד, לֹא נָע, לֹא אָץ מַהֵר.

עִתִּים תּוֹקֵף אוֹתְךָ מוּל זֹאת יֵאוּשׁ אוֹ עֶצֶב,
הֲרֵי יָכוֹל הָיָה לִפְרֹחַ כָּאן גַּן־עֵדֶן:
צָרִיךְ רַק מַאֲמָץ, עִם סַבְלָנוּת וָקֶצֶב,
בְּעַקְשָׁנוּת, בְּלֹא רִפְיוֹן שֶׁל יָד וּשְׁרִיר רוֹעֵד, הֵן
נִתָּן לָתֵת חַיִּים לִצְחִיחַ הַמִּדְבָּר. וּבִתְשׁוּקָה וָלַהַט
אַף לְהַבְרִיחַ אֶת קַדְרוּת־הַשִּׁמָּמוֹן הַמְבַלַּעַת.

* * *

צי איז עס אַ טרייסט, ווען זי סטייען
צו נישטערן ביי מיר אין זיכּרון,
אויפזאמלען די ליכטיקע רגעס
– וואָס דאַרפן אין האַרץ זיין באַהאַלטן –
ווי אַ געצילעטע שנירל מיט פּערל?

איצט ווידער אויפלעבן, באַנייען
דערפילן דעם אַמאָל וואָס געוואָרן
געפונען אויף שמאָלענקע סטעזשקעס
אין וועלדער פאַרבלאָנדזשעט אין אַלטע,
ביים נאַכטישן הימל, צעשטערנט.

ס'איז אַ בילד – דאָך ווי אין אַ שפּיגל...
ווי ווען עס קענען מיך טרייסטן?
ניט אַ גלעט טון און ניט קיין באַרירן,
אָן אַ לעבעדיק־וואַרעמען אָטעם.
אַ בילד פון אַ קאַלטער מאַדאָנאַ.

ניט בעסער? – און זיין זאָל פאַריגלט
פאַרן שטראָם וואָס וויל מיך פאַרפלייצן,
סע קאָן מיך צום אומעט פאַרפירן...
ניט בעסער? – זאָל בלייבן פאַרשאָטן
אין אַ תּהום – ניט אויפגראָבן קאָן מען...

## הַאִם זֶה נִחוּם

הַאִם זֶה נִחוּם, שֶׁיְּהֵא דַּי בּוֹ –
לְנַקֵּר בְּזִכָּרוֹן שְׁבִיבֵי טַעַם,
לֶאֱסֹף רְגָעִים שְׁטוּפֵי זֹהַר
– שֶׁצְּרִיכִים לְנַמְנֵם בַּלֵּבָב –
כִּפְנִינִים מֻשְׁחָלוֹת בְּמַחְרֹזֶת.

וְעַתָּה לְחַדֵּשׁ – שׁוּב יֵשׁ חַי פֹּה,
שׁוּב לִטְעֹם הַתְּחוּשָׁה מִנִּי פַּעַם,
לְמָצְאָהּ בִּשְׁבִילִים דַּקֵּי תֹּאַר,
בְּנִבְכֵי יַעֲרוֹת הֶעָבָר,
בְּלֵיל אֹפֶל כָּכוֹב בִּתְפֹזֶרֶת.

זוֹ תְּמוּנָה – אֲבָל כְּמוֹ בִּרְאִי...
אֵיךְ תּוּכַל הַתְּמוּנָה לְנַחֲמֵנִי?
לֹא לִטּוּף קַל, וְאַף לֹא לָגַעַת,
בְּלִי נְשִׁימָה שֶׁל חַיִּים וְשֶׁל חֹם.
תְּמוּנָה שֶׁל מָדוֹנָה צוֹנֶנֶת.

לֹא מוּטָב? הִסְתַּגֵּר כְּמוֹ בְּאִי
מִסּוּפָה הָרוֹצָה לִשְׁטְפֵנִי,
לְהָצִיף בְּיָגוֹן וּבְצַעַר...
לֹא מוּטָב? תִּשָּׁאֵר נָא בַּתְּהוֹם –
לָעַד מְכֻסָּה וּמֻטְמֶנֶת...

## אַן אָנהויב פון ליד...

אַן אָנהויב פון ליד –
אַ מיטן אויב איז עס,
צי אַ סוף פונעם ליד?

און וואָס פון דעם אַלעס
נעם איך מיר מיט?
א שטיקל קינדער־גן־עדן,
אַ טעם איבער אַלץ!
ווי ראַזעווע ברויט
באַשאָטן מיט זאַלץ.

און אָט יענער טעם
וואָס לעבט אין מיר אויף,
פון קינדער־גן־עדן
קומט ער אַרויף.

וואָס דאַרף איך דען נאָך,
וואָס דאַרף איך דען מער?
– איך נעם גאָרניט מיט
און דאָך איז ער שווער
דער אָפשייד – –

איך לאָז איבער קריק
מיין קינדער־חלום
וואָס שלאָפט אין מיין וויג...

– איך נעם גאָרניט מיט –
אפילו קיין וואָרט ניט
פון דאָזיקן ליד.

# תְּחִלָּתוֹ שֶׁל הַשִּׁיר...

תְּחִלָּתוֹ שֶׁל הַשִּׁיר –
אוֹ אֶפְשָׁר אֶמְצָעוֹ
אוֹ סוֹפוֹ שֶׁל הַשִּׁיר?

וּמָה מִכָּל אֵלֶּה
אֶקַּח עִמָּדִי?
פַּס גַּן־עֵדֶן־יַלְדוּת –
טַעַם זַךְ אֵין דּוֹמֶה לוֹ!
פְּרוּסַת לֶחֶם פָּשׁוּט
שֶׁבָּזַקְתִּי בְּמֶלַח.

וְהַטַּעַם הַהוּא
הַנֵּעוֹר בְּתוֹכִי,
מִגַּן־עֵדֶן־יַלְדוּת
הוּא עוֹלֶה נִיחוֹחִי.

וּמָה עוֹד אֲבַקֵּשׁ,
לְמָה עוֹד אֶצְטָרֵךְ?
דָּבָר לֹא אֶקַּח –
וְעִם זֹאת מַה כְּבֵדָה
הַפְּרֵדָה – – –

אָז אַשְׁאִיר בְּלֶכְתִּי
אֶת חֲלוֹם יַלְדוּתִי
הַיָּשֵׁן בְּעַרְשִׂי...

דָּבָר לֹא אֶקַּח –
גַּם לֹא הֶגֶה זָעִיר
מִזֶּה הַשִּׁיר.

## אַלץ דער שטייגער

איך גיי נאָך אַלץ דעם אַלטן וועג פון נעכטן
און אויף די קלייטן הענגען נאָך די אַלטע שילדן,
ווען אויף יענער זייט אין אַ קאָראָהאָד א ווילדן
טאַנצט דער היינט געאָרעמט מיטן שלעכטן.

ס׳וויל מיר אַלץ אַריין ניט אין מיין מוח,
כ׳זע בשיינפערלעך אַז יעדער אַיינער,
אַז זיין שמייכל איז שטשישירען מיט די ציינער,
אַז פועלן קאָן מען ניט מיט גוטן נאָר מיט כוח.

געלערנט האָט מען מיך אז אַייביק איז דער אֶמת,
געזיוועט שפרייזט אַרום נאָר מיטן גוטן –
פארוואָסזשע פלייצן אויף דער וועלט די בלוטן
און די קרבנות וואַלגערן זיך, מע פרעגט ניט ווערמעס...

איך גיי דעם אַלטן וועג, כ׳קאָן אַלץ עס ניט באַנעמען
צי זאָל איך אויף אים וויינען, צי זיך שעמען.

# אָרְחוֹת חַיִּים

וְעוֹד צוֹעֵד אֲנִי בַּדֶּרֶךְ הַיְשָׁנָה שֶׁל יוֹם אֶתְמוֹל,
עַל כָּל חֲנוּת תָּלוּי הַשֶּׁלֶט הַיָּשָׁן הַלֹּא־קָרוּעַ,
בְּעוֹד בָּעֵבֶר הַשֵּׁנִי, בְּמַעְגָּל פָּרוּעַ,
יוֹצֵא הַ י וֹ ם שְׁלוּב־זְרוֹעַ עִם הָרֹעַ בְּמָחוֹל.

בְּשׁוּם פָּנִים אֵין הַדָּבָר חוֹדֵר לַמֹּחַ,
אֲנִי רוֹאֶה בָּרוּר אֵיךְ כָּל אֶחָד מֵבִין הַשְּׁנַיִם
בְּחִיּוּכוֹ חוֹשֵׂף בְּלִי הֶרֶף הַשִּׁנַּיִם,
וְאֵין לִפְעֹל בְּטוֹב, כִּי אִם בְּכֹחַ.

לִמְּדוּ אוֹתִי כִּי הָאֱמֶת בַּת נֵצַח,
צוֹעֶדֶת יָד בְּיָד רַק עִם הַטּוֹב;
אִם כֵּן, מַדּוּעַ זֶה נִגָּר בְּעוֹלָמֵנוּ דָּם לָרֹב
וּמֵשְׁלָכִים הֶפְקֵר כָּל קָרְבְּנוֹת הָרֶצַח?

אֲנִי צוֹעֵד בַּדֶּרֶךְ הַיְשָׁנָה בְּלִי דַעַת לְפָרֵשׁ
הַאִם עָלַי לִבְכּוֹת עַל כָּךְ, אוֹ אִם לְהִתְבַּיֵּשׁ.

## צעברעכן די לוחות

כ׳וויל צעברעכן אַלע לוחות פֿון דעם גוטן.
זיי האָבן אַ לעבנלאַנג געמוטשעט און געמאַטערט,
די יאָרן מיינע כ׳האָב פֿאַר זיי געפּטרט,
געווען געפּענטעט אייביק פֿון זייער שליטה.

פֿאַר מיר די אַלע לאָוען מיט אַן אָל״ף
ווי נאָר פֿאַר מיר זיי זענען אָנגעשריבן,
איינגעקריצט אין האַרץ און דאָרט פֿאַרבליבן,
אָפּגעהיט זיי שאַרף ווי שאַרף אַ חלף.

געדינט זיי תּמיד און געווען פֿאַרקנעכט זיי,
פֿאַר די אויגן אַן אייביקער מיר משל,
ניט אָפּוויכן ס׳קאָן וואָס נאָך ווערן פּסול!
היט זיך, היט זיך פֿאַרן מינדעסטען פֿון שלעכט זיין!

געבליבן בין איך טריי זיי – געקאָנט אויסהאַרן
די גאַנצע צייט. און פּילן אַז געמאַכט כ׳האָב זיך צום נאַרן.

# לִשְׁבֹּר אֶת הַלּוּחוֹת

אֲנִי רוֹצֶה לִשְׁבֹּר אֶת כָּל לוּחוֹת הַטּוֹב,
כִּי שְׁנוֹת־חַיִּים הֵצִיקוּ לִי, הֵבִיאוּ סֵבֶל,
אֶת כָּל חַיַּי בִּזְבַּזְתִּי עֲלֵיהֶם לַהֶבֶל,
לָעַד נָתוּן לִשְׁלִיטָתָם, כְּבַעַל־חוֹב.

הֵן כָּל הַלָּאוִים בְּאָלֶ״ף רַבָּתִי כֻּוְּנוּ אֵלַי,
כְּמוֹ לְמַעֲנִי הֵם נִתְחַבְּרוּ,
הֵם נֶחֶרְתוּ בַּלֵּב וְשָׁמָּה נִשְׁאֲרוּ
וַעֲלֵיהֶם שָׁמַרְתִּי כְּעַל בָּבַת עֵינַי.

אוֹתָם תָּמִיד שֵׁרַתִּי כְּמוֹ עֶבֶד
וּכְמָשָׁל הָיוּ תָּמִיד מוּל הָעֵינַיִם,
שֶׁלֹּא לִסְטוֹת מֵהֶם, בַּל יִפָּסְלוּ בֵּינְתַיִם,
זָכוֹר וְהִשָּׁמֵר מֵרַע, מִדֶּרֶךְ מְתֹעֶבֶת.

תָּמִיד הָיִיתִי נֶאֱמָן לָהֶם וְלֹא סוֹטֶה,
עַד כִּי הִרְגַּשְׁתִּי כִּי הָיִיתִי לְשׁוֹטֶה.

## אַ בליק אויף קריק

מיך אַרט ניט – אַוועק די יאָרן מיינע, איך ווער עלטער,
נאָר אויף מיין לאַנגען שווערן דורכגעמאַכטן וועג
די צייכנס, כ׳האָב געלאָזן, זענען אָפּגעמעקט
פון די זאַווערוכעס, מוז איך דעם שטורעמווינט פאַרשעלטן.

די יורשים שפּאַנען ניט נאָך מיינע סלידעס.
פאַר זיי, די זאַמדן פון חמסין האָבן זיי פאַרשאָטן,
און אֶפשר אומבאַדאַכט פון גייערס זיי צעטראָטן?
זיי אָפּצוזוכן דער יורש מיינער, קיין חשק האָט און מיד איז.

שטיי איך, אַ פארלאָרענער, דער האָגל האָט צעשלאָגן
די תבואה אויף מיין פעלד. וואָס קאָן איך נאָך דערוואַרטן?

מיין פראַצע, אַזאַ ביטערע, עקשנותדיקע האַרטע
איז צערונען, ווי ערד צעדרויבלטע מיר דורך די פינגער –
אַ שווייגענדיקער, דאָס ביטערע ארונטערשלינגען;
זיי וועלן ניט פארשטיין מיך, נו, וואָס קאָן איך זיי דען זאָגן?

# מַבָּט לְאָחוֹר

לִי לֹא אִכְפַּת, חָלְפוּ שְׁנוֹתַי וְשֵׂיבָתִי כְּבָר אֲסוּפָה,
אֲנִי מַזְקִין, וְרַק בַּדֶּרֶךְ הַקָּשָׁה וְהַמָּרָה
הַתַּמְרוּרִים אֲשֶׁר הוֹתַרְתִּי נִמְחֲקוּ בַּסְּעָרָה.
עָלַי לָקוּם אֵפוֹא וּלְקַלֵּל אֶת רוּחַ־הַסּוּפָה.

יוֹרְשַׁי אֵינָם הוֹלְכִים בְּעִקְבוֹתַי וְאֵין דּוֹרֵשׁ.
חוּלוֹת הַחַמְסִינִים מוּלָם בְּצֵל כְּבָר מְכַסִּים,
אוֹ שֶׁמָּא נַוָּדִים כָּבְשׁוּ אוֹתָם בְּלֹא מֵשִׂים.
עָיַפְתִּי, וְאֵין רָצוֹן לִבְחֹר מִבֵּינֵיהֶם אֶת הַיּוֹרֵשׁ.

אֲנִי עוֹמֵד אוֹבֵד־נָתִיב, בָּרָד הִכָּה אֶת הַתְּבוּאוֹת
אֲשֶׁר הִגְבִּיהוּ בִּשְׂדוֹתַי. לְמָה עוֹד אֲצַפֶּה?

כָּל עֲמָלִי – קָשֶׁה, עִקֵּשׁ וּמַר לַלֵּב וְאַף לַפֶּה –
נָמוֹג כְּמוֹ עָפָר הַמִּסְתַּנֵּן מִבֵּין הָאֶצְבָּעוֹת
– בְּשֶׁקֶט, בְּלִי מִלִּים לִבְלֹעַ הַגּוֹרָל הַמָּר.
אוֹתִי הֵם לֹא יָבִינוּ. נוּ, מָה אוּכַל לָהֶם לוֹמַר?

## שווער דער טרויער

שווער דער טרויער —
אַ טונקעלע מַשׂא און שווערע
האָט מיך אײַנגעהילט און דריקט מיך —
ס׳האָט מײַן רו זיך פֿאַרצויגן,
טיף אין האַרבסט געלאָזן קריק מיך.

וואָס כ׳וויל טון נאָר, וועט עס ניט טויגן,
ווײַל מײַן האַרץ ווערט שווערער, שווערער
און די חושים זיך צעשרויפֿן,
ס׳האָט זיך אָנגעזאַמלט מערער
טריבע דריקענדע געפֿילן — —

און צו נאַכט צו, בײַ אַ רעגן,
כ׳בין אַליין מיט מײַן פֿאַרבלײַבן —
ניט קיין ענטפֿער אויף מײַן פֿרעגן:
האָט זיך אָפּגעשטעלט די צײַט דען?
ווײַל דאָס שפּינדל מער ניט לויפֿן?
און די נאַכט זיך מער נעט בײַטן,
פֿאַר מײַן פֿענצטער ניט פֿאַרבײַגיין
און העט — זיך ערגעצווו פֿאַרקלײַבן,
מיטצונעמען ס׳שווערע שווײַגן?

# עֶצֶב כָּבֵד

כָּבֵד הוּא הָעֶצֶב –
מַשָּׂא קְדוֹרָנִי וְכָבֵד
לוֹחֵץ וּמֵעִיק עֲטָפָנִי,
טָרַד אֶת שַׁלְוַת מְנוּחָתִי,
עָמוֹק אֶל הַסְּתָו הֶחְזִירָנִי.

כָּל שֶׁאֶרְצֶה לַעֲשׂוֹת אֵין בּוֹ טַעַם,
כִּי לִבִּי מֵרֹב כֹּבֶד כּוֹרֵעַ
וְכָל הַחוּשִׁים טְרוּפֵי זַעַם,
וְסָבִיב נִקְבְּצוּ בְּאֵין שׁוֹמֵעַ
מוּעָקוֹת לוֹחֲצוֹת, עֲכוּרוֹת – – –

וְעִם לַיְלָה, לְרַחַשׁ הַגֶּשֶׁם,
בָּדָד עִם עַצְמִי פֹּה נוֹתַרְתִּי,
בְּלִי תְּשׁוּבָה לַשְּׁאֵלָה הַנִּרְגֶּשֶׁת:
כְּלוּם הַזְּמַן נֶעֱצַר לוֹ לְפֶתַע
וְלֹא יוֹסִיף הַמָּחוֹג עוֹד לָנוּעַ?
וְהַלֵּיל לֹא חוֹשֵׁב לַחֲלֹף לוֹ,
לֹא לָנוּס מֵחַלּוֹנִי הַקָּרוּעַ
וְהַרְחֵק אֵי שָׁמָּה לִגְווֹעַ
עִם מִטְעַן־הַשְּׁתִיקָה הַזָּרוּעַ?

## די פלאַם ביים צאַנקען

די פלאַם ביים צאַנקען –
און אפשר וועט זי ווערן באַלד פאַרלאָשן?

קוים נאָך – ווי עס פויזן די געדאַנקען
אין פינצטערניש – אומזיכער,
אַ טראָט נאָך טראָט – אַ לייזער טאַפּן
אַ שווייגעניש – צי אָפּגענומען איז דאָס לשון?

די חושים אַלע זיך צעקריכן
אַז כ׳פיל ניט מער פון האַרץ דאָס קלאַפּן.
און אַלץ פאַרשלעפּט מיך ווו – אין תהומים,
דאָרט כוואַליעס איבער מיר זיך שוימען,
בייזע, פינצטערע, מיך צו דערשטיקן –

און וועלכער פון די אויגנבליקן
וועט מיך אויסלעשן – אַ מידן?
אָט דער אויף וועלכן ניט צו האָפן
איך קער זיך אום צו דעם איינשלאָפן
אייביקן – אין פרידן –

## שַׁלְהֶבֶת מְהַבְהֶבֶת

הַשַּׁלְהֶבֶת מְהַבְהֶבֶת,
אוֹ שֶׁמָּא עוֹד מְעַט תִּהְיֶה דוֹעֶכֶת?

לְאַט לְאַט זוֹחֶלֶת הַמַּחְשֶׁבֶת,
בָּאֲפֵלָה, בְּלִי בִּטָּחוֹן דוֹרֶכֶת,
צַעַד צַעַד וּמִשּׁוּשׁ רָפוּי בְּשֶׁקֶט,
וְדוּמִיָּה – כְּלוּם הַלָּשׁוֹן עוֹד מְשֻׁתֶּקֶת?

נָפוֹצוּ הַחוּשִׁים כֻּלָּם פִּתְאֹם.
אֲנִי מַרְגִּישׁ עוֹד בִּפְעִימוֹת הַלֵּב.
נִגְרַרְתִּי לִי אֵי שָׁמָּה, לַתְּהוֹם,
שָׁם נַחְשׁוֹלִים עוֹלִים עָלַי כְּהַר רָעֵב,
קוֹדְרִים חוֹצְפִים לְהַחְנִיקֵנִי...

וְאֵיזֶה מִכָּל רִפְרוּפֵי הָעַיִן
אָז יְכַבֶּה אוֹתִי – יָגֵעַ?
רַק זֶה שֶׁהוּא בִּלְתִּי צָפוּי.
אֲנִי חוֹזֵר אֶל הַשֵּׁנָה רָפוּי,
לָנֶצַח – וְרוֹגֵעַ.

* * *

קוק זע, דער לעצטער בליאַסק פון מילדער שקיעה
– קיין וואָלקנדל ביים מערב־ראַנד אַצינדערט,
ס׳רוט דער ווינט די וועלט איז אַיינגעשלאָפן..

אין אַזאַ רגע, איז גוט זיך אויסצורוען
– אפילו אויף אַייביק – מיט אלע זיין און ניט באזונדר,
קומען מעג אזוי דער סוף פון סופן.

איך היט זיך פאַר די שטורעמדיקע פאַר־אַ־נאַכטן
ווי איך וואָלט פאַר זיי טיר און טויערן פאַרשלאָסן,
איך קאָן קיין שטאַרקע צוגן ניט פאַרטראָגן.

שווער מיר פון צולעצט אין פיינע טראַכטן.
ווי גוט וואָלט עס געווען איינשלאָפן אומפארדראָסן
מער ניט אויפכאפן צו גרויע שלייכנדע פאַרטאָגן.

# לְאוֹר הַשְּׁקִיעָה

הִנֵּה הִבְהוּב אַחֲרוֹן שֶׁל אוֹר־שְׁקִיעָה רוֹגֵעַ,
וְאֵין רוֹאִים עָב קַל בְּאֹפֶק מַעֲרָב.
הָרוּחַ הִשְׁתַּתְּקָה וְהָעוֹלָם רָדוּם.

בְּרֶגַע שֶׁכָּזֶה מַה טּוֹב לָנוּחַ, רֵעַ,
אֲפִילוּ לְתָמִיד, עִם כָּל הַיֵּשׁ הָרַב
רַשַּׁאי כָּךְ סוֹף כָּל הַסּוֹפִים לָבוֹא עָגוּם.

אֲנִי נִשְׁמָר מְאֹד מִסַּעַר בֵּין־עַרְבַּיִם,
כְּמוֹ מוּלָם נָעַלְתִּי דֶּלֶת וְגַם שַׁעַר,
כִּי מַשְׁבִּים עַזִּים אֵינִי יָכוֹל לָקַחַת.

קָשֶׁה לִי לְהַרְהֵר כַּיּוֹם בְּסֵבֶל מוּל שָׁמַיִם.
מַה טּוֹב הָיָה לָנוּם לְלֹא רֶגְזַת הַצַּעַר
וְלֹא לְהִתְעוֹרֵר עִם אַפְרוּרִית הַשַּׁחַר.

## מדרגות

די העכסט מדרגה –
די לעצטע מדרגה.

כ׳וויל איצטער פּרוּוון אַריבער שטייגן
צוּ יענע הייכן,
אוּם זיי צוּ דעגרייכן
פוּן אַלעם די ענד.

פוּן אַלעם אַנטבלויזט,
פוּן אלעם באַפרייט –
אַלץ איז שוין אויס –
צוּ אַלעם שוין גרייט.

פאַרמאַך איך די אויגן
ניט ווערן געבלענדט
פוּן ליכטיקסטער העל –
כ׳בין פוּן יענער זייט שוועל.

פיל איך זיך איצטער
לייכט און דערהויבן,
גערייניקט אין גאַנצן
פוּן ד׳ערדישע שטויבן.

איך פאַרמאָג ניט אויף זיך
קיין שוּם וועלטליכע לאַסט מער.
מיט גאָרניט געבוּנדן,
צוּ גאָרניט איך פּאַס מער.

# מַדְרֵגוֹת

מַדְרֵגָה עֶלְיוֹנָה –
מַדְרֵגָה תַּחְתּוֹנָה.

מַה בִּקַּשְׁתִּי עַתָּה לְהַרְקִיעַ
לַגְּבָהִים הָהֵם,
וּמִשָּׁם לְהַגִּיעַ
אֶל הַקַּו הַמְסַיֵּם.

מְעֻרְטָל מִן הַכֹּל,
מִן הַכֹּל מְשֻׁחְרָר,
מוּכָן אֶל הַכֹּל,
כִּי הַכֹּל כְּבָר נִגְמַר.

אֶעֱצֹם הָעֵינַיִם
לְבַל אֶסְתַּנְוֵר
מֵרֹב בֹּהַק קַרְנַיִם
שֶׁבַּכֶּסֶף הָאַחֵר.

אָחוּשׁ אֶת עַצְמִי שָׁם
קַלִּיל וּמוּרָם,
נָקִי וּמְטֹהָר
מֵאֲבַק הָעוֹלָם.

לֹא מוּנָח עַל כְּתֵפַי
שׁוּם מַשָּׂא שֶׁל יוֹם פֶּרֶךְ,
לֹא נִכְבַּלְתִּי אֶל כְּלוּם,
לֹא אֶמְדֹּד עוֹד שׁוּם דֶּרֶךְ.

כ׳בין קיינעם וואָס שולדיק,
כ׳מאָן קיינעמס אַ דאַנק -
און אֶפשר נאָך עפּעס
פּאָרט טוט מיר באַנג?

כ׳האָב אֶפשר פאַרלאָרן
אויף מיין לאַנגן וועג
א בינטעלע יאָרן —
נאָר איך מאָן ניט, ניט פרעג;

כ׳וועל סיי ווי ניט קענען
זיי אויפזאַמלען קריק...
איז וואָסזשע זיי נאָכוואַרפן
אַ טרויריקן בליק?

איז בעסער רייס איבער
דאָס לעצטע געפיל —
שטייג איצט אַריבער...
ס׳ווערט מאָדנע — און שטיל — —

אֵינִי חַיָּב כְּלוּם לְאִישׁ,
לֹא אֶדְרֹשׁ שׁוּם תּוֹדָה,
אַךְ אוּלַי אֵיךְ שֶׁהוּא
יֵשׁ בִּי מִין חֲרָטָה?

וְשֶׁמָּא אָבַד לִי
בִּנְתִיבֵי הַנִּפְתָּל
מִנְיָן שֶׁל שָׁנִים? אַךְ
לֹא אֶדְרֹשׁ, לֹא אֶשְׁאַל.

הֵן בֵּין כֹּה לֹא אוּכַל
לְאָסְפָם אֵלַי שׁוּב;
וּבְשֶׁל מַה לְהַטִּיל
מַבָּט כֹּה עָצוּב?

מוּטָב לְנַתֵּק
אֶת תְּחוּשַׁת הָאֵימָה –
פְּסַע, עֲבֹר הָלְאָה – – –
נַעֲשָׂה כֹּה מוּזָר – וּדְמָמָה – – –

# מיין טאָפּלקורס

(אין מהלך און אין ליטעראַטור)

צו איז דאָס מעגליך?
אַז פיר מאָל טעגליך
פלעגן איך אויף מיין אַייזעלע אויסמעסטן
דעם וועג דעם זאַמדיקן, אַ שטיק כּביש אויך –
צוזאַמען בערך אַ פיר – פינף ווערסטן
פון מיין שכונה ביז תל־אביב צו – היבשלאַך...

געשפּאַנט דאָס אַייזעלע דעם וועג דעם פּראָסטן
אַ טראָט אַ זיכערן און אויסגעמאָסטן –
ס׳גייט מיט אונדז דער שאָטן פון די עוקאַליפּטן־ביימער –
ארויס פון וואַדי און שויקלען מיט די גרינע קרוינען.
ס׳ים־ווינטל צעוויגט דעם לאָן פון צוקעררערן –
פון דער ווייט אַ גלאָקנקלאַנג, קוים וואָס לאָזט זיך הערן:
אַ קעמל־קאַראַוואַן, ער שפּאַנט דאָרט העט אַוועק איצט,
ס׳א שערענגע ציענדיק באַזאָכט צו ימיקע ברעגעס.

איך אויף דעם זאָטעלע דעם קאָפּ געבויגן,
דאָס ביכל אין דער האַנט און פאַר די אויגן.
אַ וועג אַ פרייער און מיט באַקאַנטע קולות.
מיין אַייזעלע געלאָפן ווייל אים ווויל איז
ס׳וועט אונדז קיינער ביי דעם ריט ניט טשעפּן
אויך וועט עס מיך ניט פון דעם וועג פאַרשלעפּן.
און ווען אַ וועגעלע עס יאָגט אונדז שנעל אַריבער –
אים אַרט עס ניט, ס׳נעמט זיך דאַמיט ניט איבער,
אזוי אין יונגן טאָג דעם וועג צו מעסטן
שפּאַנט דאָס אַייזעלע א ווערסט נאָך ווערסטן.

# הַמַּסְלוּל הַכָּפוּל שֶׁלִּי

הַאִם זוֹ אֱמֶת, אוֹ חֲלוֹם
שֶׁאַרְבַּע פְּעָמִים בַּיּוֹם
הָיִיתִי מוֹדֵד עַל גַּב חֲמוֹרִי אֶת הַדֶּרֶךְ –
אֶת נְתִיב־הַחוֹלוֹת עִם קֶטַע הַכְּבִישׁ –
אַרְבָּעָה־חֲמִשָּׁה קִילוֹמֶטְרִים בְּעֵרֶךְ,
מִגְּבוּל שְׁכוּנָתִי וְעַד לֵב תֵּל־אָבִיב.

צַעַד הַחֲמוֹר בְּנָתִיב הַמָּתוּחַ
בִּפְסִיעוֹת מְדוּדוֹת וּבְצַעַד בָּטוּחַ;
צֵל עֲצֵי אֶקָלִיפְּטוּס מְלַוֵּנוּ כַּסֶּרֶט,
מְזַנֵּק מִן הַוָּאדִי, מִתְנַדְנֵד עַל צַמֶּרֶת.
אֶת מַטַּע קְנֵי הַסֻּכָּר רוּחַ־יָם חֲרִישִׁי מְנַעְנֵעַ,
דִּנְדּוּן־פַּעֲמוֹן מֵרָחָק מְהַדְהֵד, כְּמוֹ אֵין לוֹ שׁוֹמֵעַ,
שַׁיֶּרֶת גְּמַלִּים אֲרֻכָּה לְאִטָּהּ שָׁם צוֹעֶדֶת,
אֶת חוֹפוֹ שֶׁל הַיָּם הַזָּהֹב לְבַקֵּר הִיא יוֹרֶדֶת.

וַאֲנִי עַל אֻכָּף, מַרְכִּין אֶת רֹאשִׁי עַל כְּתֵפַיִם,
עִם סֵפֶר פָּתוּחַ בַּיָּד, אֶל מוּל הָעֵינַיִם.
הַדֶּרֶךְ חָפְשִׁית וּפְתוּחָה, וְהֵד הַקּוֹלוֹת לִי יָדוּעַ.
אָז פָּתַח חֲמוֹרִי בִּדְהִירָה, כָּכָה סְתָם, בְּלִי "מַדּוּעַ".
וְאִישׁ לֹא יָעֵז לָרְכִיבָה הַשְּׁלֵוָה לְהַפְרִיעַ,
אֵין חֲשָׁשׁ פֶּן נִתְעֶה וְלָעִיר לֹא נַגִּיעַ.
וְאִם עֲגָלָה מְהִירָה מַשִּׂיגָה וְעוֹבֶרֶת אוֹתָנוּ –
לַחֲמוֹר לֹא אִכְפַּת, רַק מַבָּט אָדִישׁ בָּהּ נָתַן הוּא.
וְכָכָה, בַּיּוֹם הַצָּעִיר – מוּל הַנּוֹף, הַבְּרִיּוֹת וְהַיֶּתֶר,
מוֹדֵד חֲמוֹרִי אֶת הַדֶּרֶךְ, קִילוֹמֶטֶר וְעוֹד קִילוֹמֶטֶר.

די וועלט איז אָפּגעגרויזעט פון מיר ווי דורך ניסים,
כ׳בין ערגעץ אַנדערש נאָר נישט הי מער,
כ׳וועל אין גאַנצן פון דעם דאָ ארויסגעריסן
און פאַרטראָגן אין א חלום וואָס ער גלימערט
מיר אין דמיון און צעצונדן אים אין פלאַמען.

כ׳וועל א זיווג זיין און מיט זיי פאַרקלאַמערט
מיט די העלדן פון אַלע די יצירות
און זיי רינגלען מיך ארום אַליינינקען אויף דעם וועג דאָ
פון דער שכונה העט ביז קיין תל־אביב צו.

רייטנדיק אזוי אָט דעם מהלך, שיער איז
אויסגעוואַקסן די ביכערצאָל וואָס איז אַוועק דאָ
די דורכגעליינטע ביז אַ טורם. — איך רוף צו
זיי, זיי זאָלן ווייטער הויזן און מיטברענגען
דאָס געפיל דערהויבענע דורך אֶמתער יצירה.
איך האָב עס איינגעזאַפּט אַ צייט א לענגערע,
געלייענט ביי מיין ריט דעם טעגליכן וואָס מיר איז
אויסגעקומען אין יענעם שטיק פון זומער
דעם הייסן גליענדיקן — אַ שפּאַן נאָר אין מיין יוגנט.

ווי זריעה־קערנער האָב איך עס אין מיר מיטגענומען
צום אויפגיין און געדייען — אויף תמיד מיט מיר טראָגן.
— איך האָב זיי אמת ליב באַקומען, די ביכער אַלע,
דער תוכן ווי אַ לאַנגדערוואַרטער רעגן איצט געפאַלן
אויף א פעלד א דאָרשטיקן נאָך די חמסינען,
און זיי האָבן אָן אָפּן הארץ ביי מיר געפונען,
די שאַפונגען וווּנדערליך־דערהויבענע.

נִתַּקְתִּי מִן הַדֶּרֶךְ כְּמוֹ בְּאֹרַח־פֶּלֶא,
וְשׁוּב אֵינֶנִּי כָּאן, כִּי בְּמָקוֹם אַחֵר.
נִקְרַעְתִּי לְגַמְרֵי מִן הַנּוֹפִים הָאֵלֶּה
וְהָעֳבַרְתִּי אֶל חֲלוֹם אֲשֶׁר זוֹהֵר
וּמְהַבְהֵב בְּדִמְיוֹנִי, עוֹלֶה בַּלֶּהָבָה.

וְאָז אֲנִי נִצְמָד כֻּלִּי בְּאַהֲבָה
אֶל כָּל הַגִּבּוֹרִים שֶׁבְּדַפֵּי הַסֵּפֶר,
הִנֵּה הֵם מִתְקָרְבִים וּמַקִּיפִים אוֹתִי סָבִיב,
עַל אֵם־הַדֶּרֶךְ, בֵּין הַשְּׁכוּנָה וְתֵל־אָבִיב.

וּבְעוֹד אֲנִי רוֹכֵב לְאֹרֶךְ הַנָּתִיב
גָּדְלָה כַּמּוּת הַיְּצִירוֹת אֲשֶׁר קָרָאתִי
עַד גֹּבַהּ שֶׁל מִגְדָּל; אַזְמִין אוֹתָם כָּעֵת
לִשְׁכֹּן אִתִּי כָּאן הַלְאָה, כִּי בִּזְכוּתָם נָשָׂאתִי
אֶת הַתְּחוּשָׁה הָרוֹמֵמָה שֶׁל יְצִירַת אֱמֶת.
יָמִים רַבִּים סָפַגְתִּי אֶת כָּל אֵלֶּה
בְּעֵת קְרִיאָה־וּרְכִיבָה יוֹמִית, כָּל שֶׁמָּצָאתִי
וְהִסְפַּקְתִּי בְּחָדְשֵׁי הַקַּיִץ הַחַמִּים הָאֵלֶּה –
עוֹד צַעַד לִנְעוּרַי, הֵם נְעוּרֵי הַפֶּלֶא.

כִּזְרְעוֹנֵי שָׂדֶה אוֹתָם בַּלֵּב נָשָׂאתִי,
שֶׁיִּנְבְּטוּ וִילַבְלְבוּ עַד שֶׁיִּתְּנוּ יְבוּל;
אָהַבְתִּי בְּכָל לֵב כָּל סֵפֶר שֶׁקָּרָאתִי,
עֲלִילָתוֹ הָיְתָה כְּגֶשֶׁם מְיֻחָל וּגְמוּל
עַל פְּנֵי שָׂדוֹת צְחִיחִים בְּתֹם יְמֵי שָׁרָב,
וְהֵם מָצְאוּ בִּי לֵב פָּתוּחַ וּמְאֹהָב.
כָּל יְצִירָה עַל רֹב פְּלָאֶיהָ מְרוֹמֶמֶת

די נעמען פֿון מחברים. און דאָ אויף די שטראָזן
נאָענט לעבן מיר אַרויס פֿון די צוויי טאָוולען, גלויבן
קען איך איצט, זיי וועלן קיינמאָל מיך פֿאַרלאָזן.
ווי פֿריינט זענען מיר געוואָרן, טייערע געטרייע,
געשאַפֿט אַ ביסל פֿרייד דעם חשק צו באנייען
דעם עול וואָס כ׳שלעפּ. יענע שאַפֿנדיקע גייסטער
האָבן מיך געמינטערט אַ האָפֿענונג און אַ טרייסט אויך.

ס׳דרינגט צום אויער מיר איצט דער תל־אביבער טומעל,
און אויסגעניכטערט זיך ווי פֿון אַ זיסן דרימל:
עס רויטלען זיך די דעכער שוין פֿון ווייטענס...
העי! צו מיין מלאכה כ׳הויב זיך אָן צו גרייטן,
אַראָפּ פֿון זאָטל־זייטן די מילכקאַנען,
די מילך צעטיילן — אָנהויבן פֿון דאַנען
אין האַנט אַ מילכקאַן — אונטער פּאכווע ס׳ביכל,
פֿון דירה ביז צו דירה אזוי אַרומקריכן
צוויי מאָל אַ טאָג די מילך צו פֿאַרטיילן
איז פֿאַרטיק די מלאכה, הויב איך זיך אָן צו אַיילן
צוריק אין וועג — פֿיר מאָל אַזוי אים דורכצומעסטן.

פֿאַר מיר איז דאָס געווען אַ צייט — די בעסטע,
מיין הונגעריק געמיט זאָל שלינג און שלינגען...
און ס׳טוט זיך אַ דערמאָן, געווען אַ זומער יונגער
ווען מיר דעם מעת־לעת צעטיילן איז געלונגען
די שווערע מי פֿון פֿריען שחרית ביזן אָונט שפּעטן
דעם עול געשלעפּט אַ פֿולע צייט. ניט אָפּטרעטן
כאָטש אויסצורוען. און א בליצגעדאַנק איז מיך באַפֿאַלן
אַז אָט די צייט, דאָס פֿיר מאָל רייטן יעדע רגע, אַלע

אֶת שְׁמוֹת הַמְחַבְּרִים; וּפֹה, בַּדֶּרֶךְ הַשּׁוֹמֵמֶת,
יָצְאוּ הֵם לִקְרָאתִי מֵעֹמֶק הַכְּרִיכוֹת.
וְזֹאת אֵדַע – אוֹתִי לָעַד לֹא יַעַזְבוּ לַאֲנָחוֹת;
כַּחֲבֵרִים טוֹבִים וְנֶאֱמָנִים הָיוּ לִי,
הִרְבּוּ שִׂמְחָה, וּלְהַחְלִיף כֹּחוֹת עָזְרוּ לִי
לִקְרַאת הָעֹל הַבָּא. וְכָל אוֹתָם רוּחוֹת־הַיְצִירָה
נָטְעוּ תִּקְוָה וְגַם עִדּוּד בְּנֶפֶשׁ צְעִירָה.

הַהֲמוּלָה הַתֵּל־אֲבִיבִית מִתְגַּנֶּבֶת לָאָזְנַיִם,
הֵעִירַתְנִי מֵחֲלוֹם מָתוֹק שֶׁל טֶרֶם־צָהֳרַיִם;
הִנֵּה מַאֲדִימִים כְּבָר הַגַּגּוֹת מוּל הָעֵינַיִם,
הֵי! קוּם וְהִתְכּוֹנֵן לַעֲבוֹדָה חַת־שְׁתַּיִם...
יֵשׁ לְהוֹרִיד אֶת הַכַּדִּים מִן הָאֻכָּף
וּלְחַלֵּק חָלָב – הָחֵל בְּזֶה הַסַּף.
כַּד־הֶחָלָב בַּיָּד, הַסֵּפֶר אֵצֶל בֵּית־הַשֶּׁחִי
וּמִדִּירָה אֱלֵי דִּירָה לָנוּד, לָלֶכֶת שְׁפִי.
שְׁתֵּי פְּעָמִים בַּיּוֹם אֶת הֶחָלָב חִלַּקְתִּי,
וְאַךְ סִיַּמְתִּי הַמְּלָאכָה – חִישׁ קַל אָחוֹר דִּלַּגְתִּי,
לָשׁוּב הַבַּיְתָה – בְּפַעַם רְבִיעִית לִמְדֹּד הַדֶּרֶךְ.

הָיְתָה זוֹ לִי תְּקוּפָה יָפָה וְנֶהְדֶּרֶת,
בָּהּ בִּתְחוּשַׁת רָעָב בָּלַעְתִּי וּבָלַעְתִּי...
הִנֵּה נִזְכָּר אֲנִי – תַּמּוּז צָעִיר, סִימְפַּטִי,
שֶׁבּוֹ הִצְלַחְנוּ לְחַלֵּק אֶת יְמָמַת הַפֶּרֶךְ –
מִטֶּרֶם שַׁחַר עַד שִׁלְהֵי הָעֶרֶב –
בָּהּ אֶת מַשָּׂא הָעֹל נָשָׂאנוּ לְלֹא הֶרֶף,
בְּלֹא מְנוּחָה. וּבְהִרְהוּר־בָּזָק הִתְחַלְתִּי לַחְשֹׁב
כִּי זֶה הַזְּמַן, עִם אַרְבַּע הָרְכִיבוֹת הָלוֹךְ וָשׁוֹב,

אַ צייט אַן איבּריקע וואָס ציט זיך פּוסטע אין די לענגען
אַ מאָנאָטאָנע אויף אַ שטילן וועג דורך שעה׳ן,
קאָן איך זי אויסנוצן: — מיט לייענען זי פֿאַרטוּן!
און טאַקע, איך זע ניט דאָ קיין שום מניעה,
מיין אַייזעלע א רוּאיקע און אַ קלוּגע בריאה
וועט דעם וועג אַליין בפּירוש טרעפֿן.
פֿאַר מיר האָט זיך אַ טויער אַ ליכטיקער צעעפֿנט,
רייטנדיק מיט אַ בּוּך די צייט פֿאַרברענגען,
באַרייכערן מיין יונגן קאָפּ מיט וויסן,
יצירות פֿון גרעסטע שעפֿער צו געניסן.

רייט איך אויף מיין אַייזעלע, ס׳איז זומער יונג אַ נייער
אין פֿרייער שעה, נאָך לייַדיק זענען די שאָסייען.
און איך פֿאַרטיפֿט אין ביכל — מיין שטרויהוט וואַרפֿט דרויף אַ שאָטן,
ס׳אַייזעלע פֿירט מיך העט אַ טראָט און נאָך אַיינער געטראָטן
דורך יענער צייט. מיר איז געלונגען ארויסצושיילן
פֿון איר ביי עול און מי רוחניות מער נאָך ווי אַ ווייַלע.

הוּא עֵת פְּנוּיָה, אֲשֶׁר לָאֹרֶךְ וְלָרֹחַב מִשְׂתָּרַעַת
שָׁעוֹת וְעוֹד שָׁעוֹת בַּדֶּרֶךְ הָרוֹגַעַת –
אוּכַל הֵן לְנָצְלָן הֵיטֵב וּבִקְרִיאָה לִשְׁקֹעַ!
כִּי מִי וּמָה יוּכְלוּ אֶת זֹאת לִמְנֹעַ, –
הֵן חֲמוֹרִי יְצוּר שָׁקֵט הוּא וְנָבוֹן,
אֲשֶׁר יַצְלִיחַ לְנַוֵּט עַצְמוֹ בְּכִשָּׁרוֹן.
וְכָךְ נִבְרָא לִי שַׁעַר־אוֹר רַב־סֵבֶר,
אֲשֶׁר נִפְתַּח בְּעֵת רָכְבִי שָׁקוּעַ בְּתוֹךְ סֵפֶר,
בּוֹ אֶת מֹחִי הַסַּקְרָנִי בְּיֶדַע הֶעֱשַׁרְתִּי
וּמִיצִירוֹת סוֹפְרֵי עוֹלָם רָוִיתִי וְאֻשַּׁרְתִּי.

רוֹכֵב אֲנִי עַל חֲמוֹרִי, צָעִיר וָרַךְ הַקַּיִץ;
שָׁעָה מֻקְדֶּמֶת, הַדְּרָכִים רֵיקוֹת כֻּלָּן, בְּלִי חַיִץ.
כּוֹבַע־קַשׁ מֵצֵל עָלַי, בַּסֵּפֶר אָנֹכִי שׁוֹקֵעַ,
וַחֲמוֹרִי נוֹשֵׂא אוֹתִי, פְּסִיעָה וְעוֹד פְּסִיעָה פּוֹסֵעַ
בְּתוֹךְ הַזְּמָן הַהוּא. וְכָךְ זָכִיתִי לֶאֱגֹר
מִתּוֹךְ הַיֶּגַע אוֹצָרוֹת שֶׁל רוּחַ לִשְׁנוֹת דּוֹר.

# דער פּאָרטרעט פון אַן ערליכן מענטש

געהייליקט דעם אָנדענק פון בראָניאַן
צו איר צעניעריקן יאָרצייט

געבענטשט און געלויבט וואָלט געדאַרפט זיין די עֵדה
פון וועלכער סע שטאַמט די – פאַרוועבט אין לעגענדע –
וואָס טיילט איר אינער פאַרמעג אויס כסדר.
זי האָט נאָר געגעבן און גיט אָן אַן ענדע.

אַ מענטש, וואָס געלעבט האָט איר לעבן באַשיידן
און אַן אוצר געהאַט פאַר אַלע צו טיילן.
און האָט זי געגעבן, מיט שׂמחה און פריידן
איר גאָב איז געווען, ווי הערצער צו היילן.

קוים געווען איז אַ טרויער, געוווּסט אים באַהיטן,
און טרערן געלאָזן, זיי רינען בסתר.
די זאַך פאַר די נאָענטע דאַרף זיין אויסגעמידן,
צוואָס דאַרף דער טרויער ווערן נאָך גרעסער?

און קוים איז אַ פרייד, אַזאַ האַרציק געלעכטער,
אַ הויכער און קלינגען וואָס שטאַרקער און פרייער,
ווייל גליק איז אין פרייד און דאַרף זי זיין עכטער,
זי וויל עס צעטיילן פאַר אַלע איר טייערע.

אַ ווילדער באַגריף איז איר קינאה ושׂינאה,
זי האָט ניט געוווּסט וואָס זיין יענעם מקנא.
אַ געפיל פון שׂינאה עקלט זי, ווי שפּינען –
פיינט האָבן, האָט זי עס קיינמאל פאַרשטאַנען.

# פּוֹרְטְרֶט שֶׁל נֶפֶשׁ יְשָׁרָה

לזכר ברוניה

אַשְׁרֵי הָעֵדָה, לוּ תְּהֵא מְבֹרֶכֶת,
שֶׁמִּמֶּנָּה תָּבוֹא עֲטוּפַת אַגָּדָה
זוֹ שֶׁאֶת כָּל אוֹצְרוֹת לְבָבָהּ מְחַלֶּקֶת –
נוֹתֶנֶת בְּלִי סוֹף, לְלֹא קֵץ, לְבַדָּהּ.

נֶפֶשׁ זוֹ, שֶׁחָיְתָה וְהִקְדִּישָׁה חַיֶּיהָ,
כִּי הָיָה לָהּ אוֹצָר לְחַלֵּק לְכֻלָּם;
הִיא חִלְּקָה אֶת כֻּלּוֹ בְּשִׂמְחָה בְּעֵינֶיהָ
וְהָיְתָה כְּמוֹ מַרְפֵּא לְלִבּוֹת בְּנֵי אָדָם.

אִם עֶצֶב הָיָה בָּהּ – אוֹתוֹ הִיא הִסְתִּירָה,
וּדְמָעוֹת שֶׁעָלוּ – הֵן זָלְגוּ בְּהֶסְתֵּר;
לֹא כְּדַאי שֶׁיִּרְאוּ אֶת זֶה הֵם, יַקִּירֶיהָ;
לְשֵׁם מָה לְהַגְדִּיל הָעַצְבוּת עוֹד יוֹתֵר?

אַךְ אִם יֵשׁ שִׂמְחָה – צְחוֹק נִלְבָּב בָּא בְּטֹהַר,
צְחוֹק רָם מְצַלְצֵל כְּמוֹ שִׁיר פַּעֲמוֹן;
כִּי הָאֹשֶׁר נוֹלָד בְּחֶדְוָה וּבְזֹהַר,
הִיא תִּרְצֶה לְחַלְּקוֹ לְכֻלָּם בֶּהָמוֹן.

אִם תִּשְׁמַע עַל קִנְאָה אוֹ שִׂנְאָה – הִיא נֶחְרֶדֶת;
מֵעוֹלָם לֹא יָדְעָה מַה פֵּרוּשׁ לְקַנֵּא;
מִשִּׂנְאָה וּמַחְלֹקֶת נַפְשָׁהּ כֹּה סוֹלֶדֶת,
מֵעוֹדָהּ לֹא הֵבִינָה אֶת לֵב הַשּׂוֹנֵא.

זיך ניט געאַמפּערט, ס׳איז פרעמד איר דאָס קריגן.
איר קול ניט געהויבן — צוואָס דאַרף מען שרייען?
בעסער געווען איר אַן עַוולה — פארשוויגן,
דעם טאָג מיט אַ גלאַטיקן שטערן באַנייען.

געוווּסט אין אַ וועלט וואָכיקער, גרויער,
מיט טריט אירע, די ריכטיקע סטעזשקע געפינען,
וואָס פירט דורך אַ טויער צו הימלען די בלויע
און מיט אירע פינגער די ליכטיקייט שפּינען.

די הענט פול יצירה, די אַרבעט אַ ברכה
ווי קאָן מען אָן ארבעט א טאָג איבערלעבן?
די פינגער וואָס שאַפן, ס׳איז לויטער הצלחה,
די זשמעניעס געפורעמט, זיי זענען צום געבן.

מיט דחקות געראנגלט ווי ווערט מען אים גובר
קיין קלאָג פון איר מויל, מיר לעבן אין מאַנגל.
געסטייעט האָט דאָס, וואָס פאַראַן — ניט עובר
געווען, פיינט איר די חובות. אין איר געראַנגל

בלייבט דער ניצחון, ווייל געשעצט ווערט דער גראָשן
נאָר צוליב אַרבעט. די גאָב און די שפע
— אַקער און זייע — וועט די תבואה געדראָשן
ווען האָסט צו דער אַרבעט דיין האַרץ אויך געגעבן.

הִיא בְּשֶׁקֶט חָיְתָה. לְשׁוּם רִיב לֹא הוֹסִיפָה.
לֹא הֵרִימָה קוֹלָהּ: לְשֵׁם מָה צְעָקוֹת?
אִם פָּגְשָׁה בְּעַוְלָה – הִיא לִשְׁתֹּק הֶעְדִיפָה,
אֶת הַיּוֹם לְקַבֵּל בְּפָנִים חֲלָקוֹת.

בָּעוֹלָם הָאָפֹר הִיא כִּוְּנָה צְעָדֶיהָ
וְהִצְלִיחָה לִמְצֹא אֶת הַשְּׁבִיל הַטָּהוֹר
הַמּוֹלִיךְ דֶּרֶךְ שַׁעַר אֶל תְּכוֹל הָרָקִיעַ,
לִרְקֹם בְּיָדֶיהָ אֶת קֶרֶן־הָאוֹר.

מְלָאוֹת עֲבוֹדָה וִיצִירָה הַיָּדַיִם –
אֵיךְ אֶפְשָׁר לִחְיוֹת יוֹם בְּלִי עָמָל שֶׁל אֱמֶת?
אֶצְבָּעוֹת שֶׁיּוֹצְרוֹת – גַּם רוֹאוֹת הַצְלָחָה הֵן,
כִּי כַּפּוֹת הַיָּדַיִם נוֹצְרוּ כְּדֵי לָתֵת.

נֶאֶבְקָה בַּדַּלּוּת: אֵיךְ אוֹתָהּ לְנַצֵּחַ?
אֵין תְּלוּנָה עַל שְׂפָתֶיהָ. אָז בְּדֹחַק נִחְיֶה...
וְזֶה מַה שֶּׁיֵּשׁ – הוּא מַסְפִּיק וְצוֹלֵחַ.
מֵעוֹלָם לֹא רָצְתָה בְּשׁוּם חוֹב שֶׁיִּהְיֶה.

נֶאֶבְקָה וְנִצְּחָה, וּבֵרְכָה אֶת הַלֵּידָה
שֶׁהֶשְׂגָּה בְּעָמָל. כִּי הַיְּבוּל הַמְלַבְלֵב
שֶׁל חוֹרֵשׁ וְזוֹרֵעַ – הוּא יִקְצֹר וְיָשִׁירָה,
אִם הִשְׁקִיעַ בְּתוֹךְ עֲמָלוֹ אֶת הַלֵּב.

דאַרום האָט זי געוווּסט דעם גראָשן צו שוינען,
ר׳איז דער סימן פון מי. דאָס יונגוואַרג געלערנט:
די אַרבעט, דאָס איז פונעם לעבן די קרוינונג.
כ׳וועל קיינמאָל ניט טענה׳ן די אַרבעט איז שווער מיר.

אין שטוב איז דער נס פון היימישן ווינקל
דאָ פילט זיך בטחון פון מאַמישער ליבע,
ווו יעדע זאַך האָט מיט יום־טוב געפינקלט.
— שׂמחה אַ זאַכטע אויף תמיד פאַרבליבן.

עַל כֵּן הִיא נָצְרָה אֶת הַגְּרוּשׁ שֶׁבַּחֶדֶר –
הוּא סִימָן לִיגִיעָה. אֶת בָּנֶיהָ לִמְּדָה:
הֶעָמָל הוּא פִּסְגַּת הַחַיִּים, הוּא הַכֶּתֶר.
לְעוֹלָם אַל תֹּאמַר שֶׁקָּשָׁה עֲבוֹדָה.

הַפִּנָּה הַבֵּיתִית שֶׁיָּצְרָה הִיא לְפֶלֶא,
בָּהּ מֻרְגָּשׁ בִּטְחוֹנָהּ שֶׁל אַהֲבָה אִמָּהִית;
בְּאוֹר חֲגִיגִי זוֹהֲרִים כָּאן כָּל אֵלֶּה –
וְשִׂמְחָה טְהוֹרָה תִּשָּׁאֵר פֹּה תָּמִיד.

## גלאָסן צום פּאָרטרעט

ווי נעמט צו מיר זיך מאָלן גאָר פּאָרטרעטן?
אויף מיין עלטער ווערן גאָר אַ מאָלער...
סע ציטערט ניט די האַנט מיר, טיף אין האַרבסט דעם שפּעטן?
צי איז עס ניט אָן אויפּטו סתם אַ דולער?

ער איז דאָך ניט פאַרענדיקט — צי וועט ער פאַרטיק ווערן,
ווו זענען די ניואַנסן, דאָס חנגריבל דאָס לינקע?
צי איז געראָטן דיר דער בויגן פונעם שטערן,
דער בלאָנדזעדיקער שמייכל אויף די ליפּן, איז ער פּינקטלעך?

דער בליק פון אירע אויגן, דאָס גאָלד אין גרינעם,
די פאַרב פון אירע האָר, דער אָפּגלאַנץ און דער שאָטן?
דאָס פליגל־פּאָר פון אירע ברעמען, אויב זיי שטימען?
צי איז די איידלקייט פון האַלדז און קין געראָטן?

האָסט אָפּגעגעבן אַ סימן פון אינערן צעשטראַלן?
דאָס לייכטן פון נשמה, פון האַרץ אַ צאַפּלען?
אֶפשר זענען די שטריכן דיינע גאָר באַנאַלע,
קוים פילט זיך ניט איר לעבן אין שוואַרצאַפּלען.

וויפיל וועסטו זיצן דאָס אַלעס צו פאַריכטן?
די אויפגעציילטע מעלות — און האָסט זיך דאָך פאַרעכנט.
אַ בלאָנדזען אין זכרון נאָך טויזנטער געזיכטער —
און ס׳בלייבט צום סוף אַן אייביקער גאָר נעכטן.

צו זיך גערעד: אויב סתם, איז ער ניט אומגעלומפּערט?
ס׳פעלט דאָך דער שווונג פון מייסטער אין די שטריכן.
שטאַט ריינער טאָן, ווי בלעך־מוזיק געקלימפּערט...
כ׳ווייס אַליין ניט צו וואָס ר׳זאָל זיין געגליכן?

## בֵּאוּר לַפּוֹרְטְרֶט

עַל מָה פִּתְאֹם צִיַּרְתִּי דְּמוּת וּדְיֹקֶן?
לְעֵת זִקְנָה הָיִיתִי לְצַיָּר...
כְּלוּם לֹא תִּרְעַד יָדִי בְּיוֹם שֶׁל סְתָו וָזֹקֶן?
הַאֵין זֶה מַעֲשֶׂה טֵרוּף נִמְהָר?

לֹא תַּם עוֹד הַצִּיּוּר. הַאִם הוּא יִסְתַּיֵּמָה?
הֵיכָן הֵם הַנְּיוּאַנְסִים? גּוּמַת־הַחֵן מִשְּׂמֹאל?
הַאִם הִצְלִיחַ קַו־הַקֶּשֶׁת שֶׁל הַמֵּצַח?
הַאִם נִדְלַק חִיּוּךְ שְׂפָתֶיהָ, הַתּוֹעֶה בְּלִי קוֹל?

וּמַבָּטָהּ – זֶה הַזָּהָב עִם הַיָּרֹק שֶׁבְּעֵינֶיהָ,
וְצֶבַע הַשֵּׂעָר שֶׁכֹּה זוֹהֵר בַּצֵּל?
הַאִם תּוֹאֵם הַצֶּמֶד שֶׁל כַּנְפֵי רִיסֶיהָ?
וּמָה עִם עֶדֶן צַוָּארָהּ הַמִּסְתַּלְסֵל?

אוּלַי עַל זֹהַר הַקְּרִינָה הַמֻּפְנָמָה וַתַּרְתָּ?
עַל אוֹר הַנְּשָׁמָה? עַל פְּעִימַת הַלֵּב?...
אוּלַי בַּנְּאָלִים הַקַּוִּים אֲשֶׁר צִיַּרְתָּ
וְאֵין לִרְאוֹת בְּאִישׁוֹנֶיהָ זֹהַר מְלַבְלֵב?

כַּמָּה זְמַן יִדָּרֵשׁ כְּדֵי לְתַקֵּן כָּל אֵלֶּה?
מָנִיתָ מַעֲלוֹת – קָשֶׁה לִמְנוֹת הַכֹּל;
אֲבָל בַּזִּכָּרוֹן תּוֹעִים מַרְאוֹת עוֹד אֶלֶף,
וּלְבַסּוֹף נִשְׁאַר נִצְחִי רַק הָאֶתְמוֹל.

הִרְהוּר עַצְמִי: וְשֶׁמָּא סְתָם זוֹ סְקִיצָה מְגֻשֶּׁמֶת?
בָּהּ חָסְרָה תְּנוּפַת יָדוֹ שֶׁל הָאֳמָן;
בִּמְקוֹם צְלִילִים זַכִּים יֵשׁ חֲרִיקָה צוֹרֶמֶת...
וּבְעַצְמִי אֵינִי יוֹדֵעַ מָה תֵּאַרְתִּי כָּאן...

## אָפּגעלערנט פֿון דיר

כ׳האָב זיך אָפּגעלערנט פֿון דיר,
האָסט דאָך אַלץ מיר אָנגעוויזן
ווי מע קאָן דעם טאָג פֿאַרוּנדן
מיד — און ס׳זאָל מיך ניט פֿאַרדריסן.

און דו ביסט געווען מיין רבי —
ס׳האָט באַוווּנדערט דיך מיין נייגער,
ווי מע קען מיט אַזאַ פּשטות
אויסהאַלטן דעם טאָג, אַ שטייגער.

פֿון דעם שחרית ביז צום אָוונט,
אויפֿשטיין ביי דער שיין פֿון שטערן.
מיען זיך אַזוי אָן אויפֿהער,
וואָס דער טאָג וועט איר באַשערן.

מיט דעם וואָס אין שטוב פֿאַראַנען,
קיינמאָל ניט געפֿאָדערט מערער.
אַזוי ווי זי האָב איך פֿאַרשטאַנען
איבערשווייגן צייטן שווערע.

ניט געהאַט צו גאָט קיין טענות,
ניט באַקלאָגט זיך אויף פֿאַר קיינעם.
נאָר ביטערקייט פֿאַרשלונגען —
״ס׳וועט פֿאַר אונדז די זון אויף שיינען״.

# לָמַדְתִּי מִמֵּךְ

רַבּוֹת לָמַדְתִּי מִמֵּךְ,
הָיִית מוֹפֵת לִי בְּרֹב קֶסֶם –
אֵיךְ לִגְמֹר יוֹם מְיֻגָּע
וְלֹא לִרְטֹן, לִפֹּל לְעֶצֶב.

כִּי אַתְּ הָיִית מוֹרֶה וְרַב לִי,
סִקְרַנְוּתִי אוֹתָךְ הַפְּלִיאָה,
כֵּיצַד בְּמִין פַּשְׁטוּת רַבָּה כֹּה
אֶפְשָׁר יוֹם יוֹם לָשֵׂאת בִּיגִיעַ

מִשַּׁחַר וְעַד רֶדֶת עֶרֶב.
לָקוּם עִם כּוֹכָבִים בַּחוּץ,
לְהִתְיַגֵּעַ לְלֹא הֶרֶף
עַד כַּמָּה שֶׁעוֹד נָחוּץ.

בָּרֵךְ עַל מַה שֶּׁיֵּשׁ בַּבַּיִת
וְלֹא לִדְרֹשׁ יוֹתֵר מֵאִישׁ.
בִּמְחִצָּתֵךְ הִנֵּה יָדַעְתִּי
לִסְפֹּג קְשָׁיִים וּלְהַחֲרִישׁ.

לֹא הִתְלוֹנַנְתְּ לִפְנֵי אֱלוֹהַּ
וְלֹא קִבַּלְתְּ בְּאֹזֶן שׁוּם־אִישׁ;
בָּלַעַתְּ מְרוֹרִים וָסֵבֶל –
אַךְ "עוֹד תִּזְרַח לָנוּ הַשֶּׁמֶשׁ".

# היים און שטאָט

## אזוי געווען איז

(חלוצים־סאָנעטן)

א

בוראַקעס פלאַנצן, אַרויס זעמיר אין רעגן,
איז די טואונג אונדזערע גאָרניט געראָטן.
איז געווען אונדזער גאַנצע באמיונג אַ שאָד נאָר,
דער שלימזל גערודפט ביז איבער די ברעגן.

געפרעגט האָב מיר זיך ניט אין וואָס איז געלעגן,
וואָס אונדזער האָרווען ווערט ניוועץ און בלאָטע.
און ווייטער געבלאָנדזעט — א פּרווו אָן חרטה.
פארקראָכן אין שווערע אויסלאָזע וועגן.

ס׳האָט אונדז ניט געלערנט דער טייטש פון מפּלה
און ניט פאַרשטאַנען, וואָס דורכפאַל איז אויסן.
געשיט האָט דער אומגליק אויף אונדז ווי אַ האָגל.

די ביטערניש געטרונקן האָב מיר פול — אַ לאָגל.
פון וואַנען געשעפּט האָב מיר כּוחות די גרויסע,
מיר זאָלן באַשטיין און פאַרשעלטן די קללה?

ב

מיר זענען געווען אַזוי יונג און ניט מידע,
ווען מיר האָבן גענומען צו האַקן די בוימער
אין חלוצישן וואַלד אַ וועג אונדז — מיר טרוימער
נאַיווע, געבלאָנדזעט, מיר אומגעניטע.

# בַּיִת וָגַן

## כָּךְ זֶה הָיָה

(סוֹנֶטוֹת חֲלוּצִים)

א

יָצָאנוּ גַּן־סֶלֶק לִשְׁתֹּל בְּיוֹם גֶּשֶׁם,
וּכְלוּם לֹא הִצְלִיחַ מִכָּל מַעֲשֵׂינוּ.
לְאֶפֶס הָיָה כָּל עֲמַל־יְגִיעֵנוּ,
רְדָפָנוּ מַזַּל־בִּישׁ מֵחוֹף וְעַד גֶּשֶׁר.

לֹא שָׁאַלְנוּ אַף פַּעַם עַל מָה וּמַדּוּעַ
הוֹפֵךְ עֲמָלֵנוּ לְרִיק וּלְרֶפֶשׁ.
רַק הָלְאָה הָלַכְנוּ לְלֹא נֹחַם־נֶפֶשׁ
בְּדֶרֶךְ קָשָׁה וּבִשְׁבִיל לֹא יָדוּעַ.

מִשּׁוּם כִּשָּׁלוֹן לֹא לָמַדְנוּ הַלֶּקַח,
גַּם לֹא הֲבִינוֹנוּ לָמָּה בָּאָה מַפֹּלֶת,
כִּי נִתְּכוּ הַפְּגָעִים כְּבָרָד עַל רָאשֵׁינוּ.

מִכּוֹס־הַמְּרוֹרִים אָז לָגַמְנוּ – הִנֵּה כָּךְ;
מֵאַיִן שָׁאַבְנוּ עָצְמָה וִיכֹלֶת
לְהַדְבִּיר הַקְּלָלָה וּלְהַקְשׁוֹת אֶת עָרְפֵּנוּ?

ב

הָיִינוּ כָּל־כָּךְ צְעִירִים מְלֵאֵי מֶרֶץ
עֵת יָצָאנוּ לִכְרֹת אִילָנוֹת בְּלֵב חֹרֶשׁ,
בְּמַטַּע חֲלוּצִים לְפַלֵּס שְׁבִיל מוּל שֹׁרֶשׁ,
וַאֲנַחְנוּ חוֹלְמִים, טִירוֹנִים תּוֹעֵי דֶרֶךְ.

מיר האָבן אָן ספּיקות אַזוי ווייטער געוואַנדערט
פון שחרית פריען ביז שפּעט אין דער נאַכט צו —
און האָבן אפילו קיין רגע באַטראַכט צו
אונדזערס אַ טואונג קאָן זיין אויכעט אַנדערש.

אַ שווערע געלעגן אויף אונדזער פּלייצע
די טעגליכע לאַסט און וואָס מער זי געטראָגן,
קיין פּיפּס פון די ליפּן, אָן קיין שום באַקלאָגן
אויף אונדזער מזל, דאָס איז דער וועג שוין
ניט באטראכט אפשר אנדערש — און אפשר מע מעג שוין
זוכן אַן אויסוועג זיך באַראָטן, אַן עצה.

ג

איז אונדזער אַרבעט געגאַנגען צום טייוול —
אַ בוראק אויף זאַמדיקן באָדן געדייט נישט.
אַז ביידע פון אונדז האָט קיין אַנונג, פאַרשטייט נישט
באַאַרבעטן פעלדער. — נאָר ניט צו פאַרצווייפלען...

מיר האָבן אין שטאַל אָפּגעמיט זיך, געכאָוועט
די קעלבער — זעט אויס אַ סך דאַפון ניט פאַרשטאַנען.
דער הינערשטאַל, פון אים איז אויך ניט מער פאַראַנען —
פאַרן ווינט די קערנער — און אונדז די פּאַלאָווע.

די שטרויכלונגען אַלע, ווי בייז ס׳זאָל ניט קלינגען,
ס׳האָט שווער אונדז געטראָפן — נאָר מיר זענען יונגע.
מיר האָבן געשטרויכלט און זענען געפאַלן
און ווידער דערהויבן כדי ווייטער צו שפּרייזן.

הָלְאָה הָלְאָה נָדַדְנוּ בְּלִי הַסּוּס וּבְלִי מֶרֶד
מִשְּׁעַת טֶרֶם־שַׁחַר וְעַד אִישׁוֹן־לַיְלָה,
וַאֲפִילוּ לְרֶגַע לֹא סַחְנוּ: "נוּ, דַּי לָךְ,
אוּלַי יִתָּכֵן לַעֲשׂוֹת זֹאת אַחֶרֶת?"

בְּכָל כֹּבֶד עֻלּוֹ רָבַץ עַל הַשֶּׁכֶם
עֲמַל הַיּוֹמְיוֹם שֶׁנָּשָׂאנוּ בִּשְׁנַיִם –
בְּלִי שׁוּם טְעָנוֹת, בְּלִי רִטּוּן עַל שְׂפָתַיִם
עַל בִּישׁ־הַמַּזָּל וְעַל חֹסֶר הַלֶּחֶם.
לֹא חִפַּשְׂנוּ תַּחְלִיף, לֹא בִּקַּשְׁנוּ מוֹצָא,
לֹא שָׁאַלְנוּ אִם יֵשׁ פִּתָּרוֹן אוֹ עֵצָה.

ג

וְכָךְ הִתְגַּלְגֵּל לְטִמְיוֹן עֲמָלֵנוּ,
כִּי עַל קַרְקַע חוֹלִית לֹא צוֹמֵחַ שׁוּם סֶלֶק;
לִשְׁנֵינוּ אֵין שֶׁמֶץ מֻשָּׂג – גַּם לֹא חֵלֶק –
בְּעִבּוּד גַּן־יָרָק. אַךְ יֵאוּשׁ לֹא יַכֵּנוּ.

יָמִים עַל יָמִים הִתְיַגַּעְנוּ בָּרֶפֶת,
טִפַּלְנוּ חַסְרֵי הֲבָנָה בַּבָּקָר;
וְהַלּוּל – גַּם מִמֶּנּוּ דָּבָר לֹא נוֹתַר,
כִּי אֶת כָּל תְּכוּלָתוֹ גָּזְלָה רוּחַ טוֹרֶפֶת.

וּכָל הַתְּבוּסוֹת (אִם דֶּכֵּאתָ – תִּסְלַח נָא)
הִכּוּנוּ קָשֶׁה, אַךְ צְעִירִים עוֹד אֲנַחְנוּ.
נִפְתַּלְנוּ, נָפַלְנוּ, גַּם מָטָה רַגְלֵנוּ
וְשׁוּב הִתְרוֹמַמְנוּ, לְהַמְשִׁיךְ וּלְהַפְסִיעַ;

אַ בטחון אין האַרצן ס׳וועט באַלד זיך באַווייזן
דער טאָג — אַ ליכטיקע זון וועט איבער אונדז שטראַלן.

ד

און אַזוי זענען אונדזערע יאָרן געגאַנגען.
דאָס לעבן אַליין האָט געלערנט אונדז לעבן.
ס׳האָט אונדזער טעפּיך געלאָזן זיך וועבן
פון די שענסטע קאָלירן וואָס זענען פאַראַנען.

און ס׳האָט זיך צעוואַקסן וואָס מיר האָבן געזייעט.
ליכטיק די זון האָט געשיינט דורך די פענצטער —
אויף ביימער די פּירות געראָטן די שענסטע,
פון אונדזער מי האָט צו אַלעם געסטייעט.

אַ הויז אויסגעבויט מיט אַ טאָפּלטן גאָרן
מיט אייגענע הענט די גאַנצע משפּחה.
צו ביסלעך — און זעמיר דאָך עלטער געוואָרן,
דאָך אונדזער שווייס פאַרוואַנדלט אין ברכה.

די יאָרן וואָס זענען אַ דורך, יענע שווערע,
פאַרן יינגערן דור געוועזן איז אַ לערע.

כִּי הַלֵּב הֶאֱמִין: עוֹד מְעַט יוֹם יוֹפִיעַ
וְשֶׁמֶשׁ זוֹהֶרֶת תִּזְרַח מֵעָלֵינוּ.

ד

הִנֵּה כָּךְ הֵם חָלְפוּ, כָּל שְׁנוֹתֵינוּ, מַהֵר.
נִסְיוֹן־הַחַיִּים – הוּא לִחְיוֹת לִמְדָנוּ.
מֵאֵלָיו נֶאֱרַג הַשָּׁטִיחַ שֶׁלָּנוּ
מִשְּׁלַל הַצְּבָעִים הַיָּפִים בְּיוֹתֵר.

כִּי עָלוּ וְנָבְטוּ הַזְּרָעִים שֶׁזָּרַעְנוּ.
מִבַּעַד לַחַלּוֹן עָלְתָה שֶׁמֶשׁ זוֹהֶרֶת,
כָּל פֵּרוֹת הָאִילָן שֶׂגְשְׂגוּ לְתִפְאֶרֶת
וִיבוּל עֲמָלֵנוּ הִסְפִּיק לְכֻלָּנוּ.

בָּנִינוּ הַבַּיִת – בִּנְיַן קוֹמָתַיִם –
בְּעֶצֶם יָדֶיהָ שֶׁל כָּל הַמִּשְׁפָּחָה.
אַט לְאַט, וְהִנֵּה הִזְדַּקַּנּוּ בֵּינְתַיִם,
אַךְ אֶגְלֵי זֵעָתֵנוּ הָיוּ לִבְרָכָה.

הַשָּׁנִים שֶׁעָבְרוּ, הַקָּשִׁיִּים וְהַפֶּרֶךְ
יָאִירוּ לַדּוֹר הַצָּעִיר אֶת הַדֶּרֶךְ.

## פון מיינע יונגע טעג

שווער געווען אַ טאָג אדורך צו שלעפּן
און וואָרום ביים סוף אים אָפּצופּטרן.
פונעם פּרדס געקומען אַ פּאַרמאַטערטער,
פּול שווייס דאָס העמדל צום גוף וויל קלעפּן.

הינטערן צריף דאָס גרינוואַרג אין מיין גאָרטן,
ניטאָ קיין צייט א רגע אָפּצורוען —
דאָס וואַרט אויף מיר, איך מוז זיך נאָך באַמיען
איינסדרן דאָס גרינוואַרג לויט די סאָרטן.

ניט ווייט אין הויף די שטאל מיט קי אויך וואַרטן,
זיי צו באַרייניקן און קאָרמע אויך דערלאַנגען...
(אָפּאָטעמען אַ ווייל, איך טרייב אָט דאָס פּאַרלאַנגען)
איך דאַרף דאָס מיסט נאָך פונעם שטאַל אַ שאַר טון.

קומט מיין ווייב מיר העלפן איצט אין שטאַל — ס׳וועט קלעקן,
ביז צום אָונטערבריט די קי נאָך אויסצומעלקן.

# מִן הַיָּמִים הַצְּעִירִים שֶׁלִּי

קָשֶׁה הָיָה לִגְרֹר אֶת שְׁעוֹת הַיּוֹם בְּשֶׁקֶט
וּלְהִפָּטֵר מֵהֶן סוֹף סוֹף, אוֹתָן לִשְׁכֹּחַ.
מִן הַפַּרְדֵּס חָזַרְתִּי מְיֻגָּע, בְּלִי כֹּחַ,
עִם כֻּתֹּנֶת מְזִיעָה שֶׁאֶל הַגּוּף נִדְבֶּקֶת.

מֵאֲחוֹרֵי הַצְּרִיף יְבוּל גִּנַּת הַיֶּרֶק
(אֵין פְּנַאי לָנוּחַ וְלִנְשׁוֹם גַּם רֶגַע!)
– הוּא מְחַכֶּה לִי שָׁם, עָלַי לְהִתְיַגֵּעַ
וּלְמַיֵּן הַיְרָקוֹת – כָּל סוּג וּפֶרֶק.

גַּם הַפָּרוֹת לִי מְחַכּוֹת בָּרֶפֶת;
יֵשׁ לְנַקּוֹת וּלְהַאֲכִיל אוֹתָן.
(לִנְשׁוֹם מְעַט... לֹא, לֹא עַכְשָׁו, אֵין זְמַן!)
צָרִיךְ לִגְרֹף הַחוּצָה אֶת הַזֶּבֶל.

אִשְׁתִּי בָּאָה לָתֵת לִי יָד עוֹזֶרֶת,
לַחֲלֹב אֶת הַפָּרוֹת עַד אֲרוּחַת הָעֶרֶב.

## מיין ערשטע שטוב

א

כ׳האָב געשטוקעוועט פֿון קעסטל־ברעטלאַך אַלטע
מיין שטוב, געקליבן, געמאָסטן אין דער האַנט,
אויב זענען פּאַסיק אַיעדעס איינע, זיי זאָלן האַלטן
און פעסט זיין. דאַרום איז מיר יעדעס ברעט באַקאַנט

און היימיש. אויסווילן פון שטויס און עס באַטאַפּן
ביי די קאַנטן איידער ווו מע דאַרף צוקלאַפּן.
וויפל מי האָט עס געקאָסט די ווענט צוזאַמענשטעלן,
אַ ברעטל נאַך אַ ברעטל צום בעלעק צוגענעגלט
ביז ס׳ווערט אַ וואַנט. באַרעכנט ס׳זאָל ניט פעלן,
אָפּהיטן וואָס ווייניקער צו זעגן.

געווען איז ווינטער ווען כ׳האָב מיין שטוב פאַרענדיקט
מיט פּאַפּע איינגעהילט, זיין זאָל זי ניט נאַקעט
אַ קעגן רעגן, נאָר ער פּייקלט אויפן דעכל שטענדיק
א מעת־לעת לאַנג. אין דרויסן דאָרט דאָס פעלד נאָך ניט פאַראַקערט.

ב

בראשית – פון ברעטלאַך צוזאַמענגעלאַטעט
מיין נעבעכדיק נידעריק שטיבל.
דאַרין געווען איז אונדז ענג, אָבער ליבלאַך,
ביים ברעג פונעם וואַדי די שיפּקאַנטע כאַטע.

האָפּערדיק געשפּאַנט צום טאָג ארבעט לעת־עתה
באַגנוגענד מיט דעם וואָס פאַראַן. קיין פאַריבל
צוליב דוחק. געשאַפט, ניט געגריבלט,
ס׳איז צייט, ביז ווען, מיט אַרבעטסיאָרן זאַט שוין

# בֵּיתִי הָרִאשׁוֹן

א

מִלּוּחוֹת יְשָׁנִים שֶׁל תֵּבוֹת אֶת בֵּיתִי בָּנִיתִי,
אוֹתָם בֵּרַרְתִּי וּמָדַדְתִּי אֶחָד אֶחָד בַּיָּד,
אִם מַתְאִימִים הֵם זֶה לָזֶה, הִשְׁגַּחְתִּי וְרָאִיתִי
כִּי הֵיטֵב יַחְזִיקוּ. עַל כֵּן כָּל לוּחַ מְיֻדָּד
וְלִי מֻכָּר. מֵעֲרֵמָה אוֹתוֹ לִבְחֹר, הַיָּד לְהַעֲבִיר
סָבִיב סָבִיב, לִפְנֵי שֶׁיֻּדְפַּק אֶל מְקוֹמוֹ בַּקִּיר.

כַּמָּה עָמָל עָבַר עָלַי לִבְנוֹת אֶת כָּל קִירוֹת הַבַּיִת!
לוּחַ לוּחַ לְהַצְמִיד אֶל הַקּוֹרָה בְּמוֹ יָדַי,
עַד שֶׁקָּם הַקִּיר. וּלְחַשֵּׁב שֶׁלֹּא יֶחְסַר כְּזַיִת,
וּלְהַקְפִּיד לֹא לְנַסֵּר יוֹתֵר מִדַּי.

וּכְשֶׁסִּיַּמְתִּי לְהָקִים הַצָּרִיךְ בָּא חֹרֶף.
בְּ'טוֹל' אוֹתוֹ צִפִּיתִי, מָגֵן מִגֶּשֶׁם, כִּלְבוּשׁ.
אֲבָל הַגֶּשֶׁם מְתוֹפֵף עַל רֹאשׁ הַגָּג בְּלִי הֶרֶף,
יָמִים שְׁלֵמִים. בַּחוּץ מַמְתִּין שָׂדֶה בִּלְתִּי חָרוּשׁ.

ב

תְּחִלָּה מִקֶּרֶשׁ וְלוּחוֹת הִטְלֵאתִי וְקָבַעְתִּי
אֶת צְרִיפִי הַדַּל וְהֶחָלוּשׁ כְּמוֹ אֶפְרוֹחַ,
צָפוּף הָיָה בּוֹ לָנוּ, אַךְ נָעִים וָנוֹחַ;
נִצֶּבֶת הַבִּקְתָּה שֶׁלִּי בְּנֵס עַל שְׂפַת הַוָּאדִי.

שׁוֹאֵף לִמְצֹא יוֹם־עֲבוֹדָה אֲנִי פּוֹסֵעַ,
אַךְ אֶסְתַּפֵּק בְּמַה שֶּׁיֵּשׁ בֵּינְתַיִם.
בִּגְלַל הַדְּחָקוּת לֹא אֲעַקֵּם שְׂפָתַיִם;
עוֹד זְמַן עַד שֶׁאֶהְיֶה בִּשְׁנוֹת־עָמָל שָׂבֵעַ.

איך האָב דעם קאָפּ פּאַריסן צום דאך באַצירטן
מיט אַ בינטל בליענדיקע גאָרטן־בלומען
אויפן שפּיץ הויז (מיינע הענט אויסגעפּירט עס),

דערשפּירט האָב איך אַ פרייד געפּיל אַ שטומען
ווי אַ תּפילה א יומטובדיקע, אַ באַלוינונג און אַ ברכה.
נאָך אַזאַ מהלך מי און אָנשטרענג, די הצלחה.

אֶת רֹאשִׁי אֶשָּׂא לַגַּג הַמְעֻטָּר לְפֶלֶא
בַּעֲטֶרֶת נִצָּנֵי גִּנָּה מַקְסֶמֶת
אֲשֶׁר עַל רֹאשׁ בֵּיתִי (יָדַי עָשׂוּ כָּל אֵלֶּה).

לִבִּי נִמְלָא תְּחוּשַׁת שִׂמְחָה אִלֶּמֶת,
כְּמוֹ תְּפִלָּה שֶׁל חַג לִגְמוּל וְלִבְרָכָה.
בְּתֹם הַיְגִיעָה פּוֹרַחַת הַצְלָחָה.

## מיר בויען דאָס הויז

אַלע זענען מיר אַרויס, אַלע — דריי דורות
מיט חשק דאָס גאַנצע היימישע געזעמל.
אַזוי פיל הענט! קינד־און־קייט וואָס זעמיר.
ס'רעדט דער זיידע ערנסט, זון איצט מויער עס

ס'הויז וואָס אַזאַ צייט דאַרויף מיר האַרן.
יעדער וועט איצט צולייגן אַן אַקסל —
ס'וועלן אויף יסודות וועגט אויסוואַקסן.
בויען מיר דאָס הויז וואָס מיר נאָך אים גאַרן

א לעבנלאַנג. באַדעקט די ברוסט מיט שווייס איז —
מיט חשק און מיט ברען, דאָס האַרץ ווי הייס איז
אַלע, אויך ווייב און קינד איבער זייערע כּוחות
שלעפּן זיי דעם שטיין דעם קאַלך פאַר מיר דעם בעל־מלאכה,
די וועגט זאָלן זיך אַ הויב טאָן, זעט ווי הויך ס'איז
און באַלד צום דאַך דערגרייכט מיט אַ הצלחה.

# בּוֹנִים אֲנַחְנוּ בַּיִת

כֻּלָּנוּ יַחַד – שְׁלֹשֶׁת הַדּוֹרוֹת – יָצָאנוּ
בְּחֵשֶׁק לֶחָצֵר, כָּל בְּנֵי הַבַּיִת.
יָדַיִם לְמַכְבִּיר – הַחֲבוּרָה רַבָּה הִיא!
"בְּנִי", הַסַּבָּא סָח, "הִנֵּה בּוֹנִים פֹּה אָנוּ

בַּיִת שֶׁיָּמִים רַבִּים אֵלָיו יִחַלְנוּ.
כָּל אֶחָד יִתֵּן כָּתֵף שֶׁאֵין דּוֹמָה לָהּ
וְעַל הַיְסוֹדוֹת קִירוֹת נַצְמִיחַ מַעְלָה.
נִבְנֶה כָּאן בַּיִת שֶׁשְּׁנוֹת־דּוֹר לוֹ הִתְפַּלַּלְנוּ".

לוּחַ־הֶחָזֶה כְּסָה זֵעָה נִגֶּרֶת,
הַחֵשֶׁק מִתְלַהֵט, הַלֵּב – כְּאֵשׁ בּוֹעֶרֶת.
הָאֵם וְהַיְלָדִים גַּם הֵם יוֹשִׁיטוּ זְרוֹעַ
וְסִיד וּלְבֵנִים אֵלַי – אֶל הַבַּנַּאי – יָבִיאוּ.
וְהַקִּירוֹת מִתְרוֹמְמִים: "הַבִּיטוּ מַה גָּבוֹהַּ,
הִנֵּה הִנֵּה הֵם עַד הַגַּג יַגִּיעוּ".

## דאָס הויז

יאָרן האָבן זיך געקאָלערט, שווערע יאָרן
פֿון מי און מאַטערניש, דוחק און פֿון שפּאָרן.
נאָר תּמיד פֿאַר די אויגן איז געווען דער חלום,
ניט קיין חלום, נאָר דער ציל אים צו דערגרייכן.

און דער דמיון האָט געהאָלפֿן: מאָל אים
ווי אַמשענסטן, ווי ס׳זאָל ניט זיין זיינס גלייכן.
דער רצון האָט גענומען אין די הענט די לייצעס,
איינגעשפּאַנט דעם חלום, געלייגט אים אויף דער פּלייצע.

דעם עול פֿון וואָכעדיקע ארבעטסטעג, זאָל ער טראָגן
זאָל ער שלעפּן באַרג אַרויף דעם ממשותדיקן וואָגן
צום ציל וואָס ווינקט און רופֿט אים מיט זיין וואָר זיין.

די פּירות פֿון דער מי צייטיקט די באַלוינונג.
פֿון פֿאַנטאַזירן ביז פּלאַנירן: דאָס הויז וועט דאָ זיין!
אַ חלום פֿון אַ דור לאַנג — כ׳בוי פֿאַר אונדז אַ וווינונג.

# הַבַּיִת

שָׁנִים הִתְגַּלְגְּלוּ, שָׁנִים קָשׁוֹת שֶׁל יֶגַע,
שֶׁל סֵבֶל וְעָמָל, שֶׁל דֹּחַק רַב וּפֶגַע.
אֲבָל תָּמִיד נִצָּב חֲלוֹם מוּל הָעֵינַיִם;
לֹא, לֹא חֲלוֹם, כִּי מַטָּרָה שֶׁיֵּשׁ לַחְתֹּר עָדֶיהָ.

וְהַדִּמְיוֹן סִיַּע – צִיֵּר אוֹתוֹ גַּם בְּלִי יָדַיִם,
יָפֶה מִכֹּל, יַפְיוּת שֶׁאֵין שָׁוָה אֵלֶיהָ.
וְהָרָצוֹן נָתַן רִתְמָה בִּשְׁתֵּי יָדֶיךָ,
אָסַר אֶל הַחֲלוֹם וְשָׂם אוֹתוֹ עַל שֶׁכֶם –

אֶת עֹל יְמֵי עָמָל לְאֹרֶךְ הַשָּׁבוּעַ –
לִגְרֹר בְּמַעֲלֵה הָהָר קְרוֹן־מַמָּשׁוּת קָבוּעַ
לַמַּטָּרָה אֲשֶׁר קוֹרֶצֶת וְשׁוֹלַחַת כַּפַּיִם.

פֵּרוֹת הַיְגִיעָה הִבְשִׁילוּ גְּמוּל, נְחוּם־מָה.
מִן הַפַּנְטַסְיָה לַתִּכְנוּן: בֵּיתֵנוּ פֹּה יְקוּמָה.
חֲלוֹם בֶּן דּוֹר מַמָּשׁ – אֲנִי בּוֹנֶה הַבַּיִת!

## צעשיידן

א

שאַפּסט אַ הויז פֿון ציגל און פֿון ליים, איז עס אַ דומם.
דערפֿילסט עס אָבער מיט דײַן דינענקען חוש — ס׳האָט זײַן נשמה —
זי האָט דאָך אַ לעבנלאַנג אין אים פֿאַרבראַכט, האָט עס באַקומען
אַ חלק פֿון איר, אײַנגעזאַפּט, און איצט אַ שטומע יתומה.

ווײַל די וואָס האָט עס געפּלעגט, געפּוצט און געצוואָגן
איז מער ניט פֿאַראַן אין די פֿאַרלאָזענע שטיבער
אין איר היים וואָס איז געווען אַזוי אייגן און ליב איר.
מע האָט זי גענומען אַרויס — אויף תּמיד פֿאַרטראָגן.

און פֿאַרהאָנגען מיט טרויער איז ניט נאָר דער שפּיגל,
ער טריפֿט אויך פֿון די ווענט דער אומענדליכער אומעט,
מסתּמא זיי פֿילן, זי וועט קיינמאָל, ניט קומען —

די וואָס געהאָלפֿן דערלאַנגען דעם לייס און די ציגל...
ס׳דוכט דיר הערסט זייער שטומען זיפֿץ, אוי ווי —
אַ הויז אַ יתומה, אַ שטומע מצבה — —

# פְּרֵדָה

## א

תָּקִים בִּנְיָן מִטִּיט וּלְבֵנִים – דּוֹמֵם הוּא.
אֲבָל בְּחוּשׁ דָּקִיק תַּרְגִּישׁ: הֵן יֵשׁ לוֹ נְשָׁמָה.
הֵן שְׁנוֹת־חַיִּים הִיא בּוֹ בִּלְּתָה, וְהוּא גָּמַע
פְּרֵדוֹת מִמֶּנָּה. עַתָּה יָתוֹם אִלֵּם הוּא.

כִּי זוֹ אֲשֶׁר טִפְּחָה אוֹתוֹ מִסַּף וְעַד יָצִיעַ
אֵינֶנָּה עוֹד בַּחֲדָרִים הָעֲזוּבִים,
בֵּינוֹת כָּתְלֵי בֵּיתָהּ אֲשֶׁר הָיוּ כֹּה אֲהוּבִים;
אוֹתָהּ הוֹצִיאוּ מִתּוֹכוֹ – לָעַד הוֹצִיאוּ.

לֹא רַק הָרְאִי כֻּסָּה פָּרֹכֶת־אֵבֶל,
כִּי גַּם מִן הַקִּירוֹת דּוֹלֵף יָגוֹן אֵין־קֵצֶה;
אוּלַי גַּם הֵם חָשִׁים – הִיא לֹא תָּשׁוּב לָנֶצַח,

הַנֶּפֶשׁ שֶׁעָזְרָה לָתֵת גַּם טִיט, גַּם אֶבֶן...
מִן הַקִּירוֹת יוֹרְדָה כְּאִלּוּ אֲנָחָה דּוֹמֶמֶת:
יָתוֹם הַבַּיִת – מַצֵּבָה אִלֶּמֶת – –

ב

דעם קאָפּ מיט אַש באַשיטן – אַ ריס פֿון קריעה –
מיר זיצן שבֿעה – אָן אומעט אַ טיפֿער מיט אונדז אינעם ווינקל,
פֿון דרויסן א מידע אַריינשיינט די שקיעה –
ווערט בלייכער. דער דעמער שלייכט זיך מיט שוין – ס׳ווערט טונקל.

דערשלאָגענע שטומע, מיר אַלע דאָ – אבלים.
און אַ ליידיקייט אַ פּוסטקייט נאָך דעם טייערסטן,
אַרויסגעריסן פֿונעם האַרץ די ליכטיקייט פֿון חלום,
מיר ווילן ניט ס׳זאָל אונדז ווער נאָך טרייסטן.

ס׳טרויערט דאָס הויז מיט אונדז צוזאַמען –
געהאַלטן די משפּחה אַ לעבנלאַנג אין איינעם.
מיט אַזאַ שווייגן העלפֿט עס אונדז באַווייינען,
אַ ווייטיק מיט טיף פֿאַרבאָרגענע פֿלאַמען,
נישט צו לעשן זיי און נישט צו פֿאַרמיידן...
אָט באַלד דאַרף מיר זיך פֿון אים צעשיידן.

ב

הָרֹאשׁ כֻּסָּה בְּאֵפֶר... מַעֲמַד קְרִיעָה...
יוֹשְׁבִים שִׁבְעָה. וּבִפְנוֹת יָגוֹן קוֹדֵר עִמָּנוּ.
מִמַּעֲרָב זוֹחֶלֶת פְּנִימָה בְּלֵאוּת שְׁקִיעָה.
כְּבָר מַאֲפִיר; וְאֹפֶל דִּמְדּוּמִים עוֹטֵף אוֹתָנוּ.

מֻכִּים בְּאֵלֶם וּשְׁרוּיִים בְּאֵבֶל,
רַק רֵיקָנוּת נוֹתְרָה מִן הַיְקָרָה מִכֹּל.
הָאוֹר הַחֲלוֹמִי נִתְלַשׁ מִלֵּב כְּבְחֶבֶל,
וְלֹא נֹאבֶה נִחוּם מֵאִישׁ בְּקוֹל.

הַבַּיִת מִתְאַבֵּל עִמָּנוּ יַחַד –
הֵן בּוֹ שָׁכְנָה יַחְדָּו הַמִּשְׁפָּחָה כֻּלָּהּ,
הוּא יְסַיֵּעַ לִבְכִּי בִּשְׁתִיקָתוֹ הָאֲבֵלָה;
הַכְּאֵב – כְּלֶהָבָה מֻצְנַעַת, נֶאֱנַחַת,
לֹא לְכַבּוֹת אוֹתָהּ וְלֹא לְהַגְדִּילֶנָּה;
וְעוֹד מְעַט נִהְיֶה צְרִיכִים לְהִנָּתֵק מִמֶּנּוּ.

# א דירה

פילט נאָך דער הונט די קייט ארום זיין האַלדז?
זי שלייפט זיך אויף געשפּאַנטע דראָטן
פון עק הויף ביז צווייטן, אַ וועג ר׳האָט אויסגעטראָטן,
איז ער די גאַנצע וועלט פאַר אים, זיין אַלץ.

איך שלעפ מיט זיך מיין קייט — שוין צוגעוווינט
דער דראָט פון שלייפן איז ניט דין געוואָרן,
טאָג טאָג צעטרעטן דאָס שטעגל צום זיכּרון —
מיין דירה, א צעל פאַר מיר וואָס איך באוווין.

קיין ביסל וואַרעמקייט אין איר, א שטאַרער ווינקל
א קאַלטקייט אומעטום. די פרעמדקייט פון בעטאָן
נעמט מיט אַפּאַטיע מיך אַרום — ס׳גייט אים ניט אָן
דעם שטיין, צוליב זיין סביבה פארזינק איך
אין גלייכגילט — קיין צוגעבונדנקייט, אַ טרונק אַ לויער
איז דער טעם. ס׳פעלט מיר די היים — און איך באַדויער.

# דִּירָה

הַאִם הַכֶּלֶב חָשׁ סְבִיב צַוָּארוֹ שַׁלְשֶׁלֶת?
הִיא מִשְׁתַּחֶקֶת עַל הַתַּיִל הַמָּתוּחַ.
מִקְּצֵה חָצֵר וְעַד קָצֶה כָּבַשׁ הוּא שְׁבִיל בָּטוּחַ,
וְהָעוֹלָם כֻּלּוֹ רַק לוֹ הוּא לְמֶמְשֶׁלֶת.

אֶשָּׂא אִתִּי אֶת שַׁרְשַׁרְתִּי – לָהּ כְּבָר הִסְכַּנְתִּי;
הַתַּיִל הַשָּׁחוּק לֹא דַּק נַעֲשָׂה כְּסֶרֶט.
יוֹם יוֹם אֶכְבֹּשׁ הַשְּׁבִיל לְשֵׁם מַזְכֶּרֶת –
וְדִירָתִי הִיא תָּא, שֶׁבּוֹ שָׁכַנְתִּי.

אֵין שֶׁמֶץ חֲמִימוּת בָּהּ, כְּמִין פִּנָּה שֶׁל רֶפֶשׁ,
עִם אֲוִירַת צִנָּה, בְּטוֹן זָר, בְּלִי סִימְפַּטְיָה
עוֹטֵף אוֹתִי בַּאֲדִישׁוּת וּבְאַפַּתְיָה.
חוֹמוֹת־הָאֶבֶן מַטְבִּיעוֹת בִּי שִׁוְיוֹן־נֶפֶשׁ,
שׁוּם קֶשֶׁר לֹא נוֹצַר, וּמַה תָּפֵל הַטַּעַם.
חֹם בַּיִת לִי חָסֵר – לִבִּי אָבֵל הַפַּעַם.

# קינות און וואריאַציעס

## איבער אַ יינגעלע, מיט נאָך אַנדערטהאַלב מיליאָן

6 מיליאָן יידן זענען אומגעקומען אונטער היטלערס רעזשים אין עיראָפּע, ס׳רוב אין פּוילן, צווישן זיי אַנדערטהאַלבן מיליאָן קינדער.
(פון נאַצישע באריכטן)

א זעקס יעריק קינד אריינגעפאַלן לעבן רוים אין אַ טיפן שאַכט. דאָס באַמיען אים מציל זיין איז ניט געלונגען.
(דורכן ראַדיאָ)

1

כ׳פיל מיט — ס׳איז אין מיר אַ ווייטיק א טיפער —
ס׳קומט איבער דער וועל פונעם עטער
דאָס קול פונעם ראַדיאָ־אָנזאָגער:
ניט געהאָלפן דער אָנשטרענג צו דערלאַנגען
די הילף פאַרן יינגעלעס רעטונג...
מיר ווילט זיך אויכעט מיטקלאָגן,
ס׳איז פאַר מיר מער ווי באַגריפן
— דאָס יינגעלע איז דאָרט איסגעגאַנגען — — —

2

וויפל צער איז אין אַזאַ שטאַרבן — — —
העלפן קאָן איינע מסתמא —
און מע הערט ארויס פון די טיפן
דעם יינגעלעס קול: ״מאַמע־מאַמע״,
עכאָדיק הערט זיך דאָס רופן,
ס׳ראַנגלט מיטן גורל דעם האַרבן —
צי וועט די ישועה שוין קומען?
שטילער דאָס קול ווערט ביז פארשטומען...

# קִינוֹת וּוַרְיַאצְיוֹת

## עַל יֶלֶד קָטָן וְעוֹד מִילְיוֹן וָחֵצִי יְלָדִים

6 מיליון יהודים הושמדו
תחת שלטון היטלר באירופה,
רובם בפולין, וביניהם
מיליון וחצי ילדים.

**(מתוך דו"ח נאצי)**

ילד בן 6 נפל לתוך בור עמוק
ליד רומא. כל המאמצים
להצילו לא הועילו.

**(מחדשות הרדיו)**

1

עוֹד אָחוּשׁ, כְּאֵב מָר מְיַסְּרֵנִי –
עַל גַּלָּיו שֶׁל הָאֶתֶר הִגִּיעוּ
דְּבָרָיו שֶׁל קַרְיַן הָרַדְיוֹ:
הַמַּאֲמַצִּים הָרַבִּים לֹא הֵבִיאוּ
לְהַצִּיל אֶת חַיָּיו שֶׁל הַיֶּלֶד...
גַּם אֲנִי לְקוֹנֵן אָז בִּקַּשְׁתִּי,
כִּי יוֹתֵר מֵאֲשֶׁר תָּפַסְתִּי –
הַיֶּלֶד גָּוַע שָׁם, בָּעֶלֶט – – –

2

כַּמָּה צַעַר בְּמָוֶת כָּזֶה יֵשׁ – – –
רַק אֶחָד יַעֲזֹר שָׁם, מִסְתַּמָּא;
וּמִתּוֹךְ מַעֲמַקִּים יִשָּׁמַע עוֹד
קוֹל הַיֶּלֶד הַקָּט: "מַמָּה, מַמָּה..."
וְהַקּוֹל מְהַדְהֵד וּמַבְקִיעַ,
נֶאֱבָק עִם גּוֹרָל מִתְנַכֵּר –
הַאִם הָעֶזְרָה עוֹד תַּגִּיעַ?
וְהַקּוֹל נֶחֱלָשׁ, מִתְעַכֵּר...

3

כ׳ווער מיטגעריסן — אַ פידלער די סטרונעס זאָל ציפּן,
אַזוי איז מַשפּיע אויף מיר דאָס וואָרט — ס׳קומט
אויף די כוואַליעס פון עטער — מיר דוכט כ׳הער כליפּן
די מוטערביים ראַנד פונעם שאַכט — ס׳קינד פאַרשטומט.
און מיך באַפאַלט אַזאַ מאָדנע געפיל
ווי אין האַרצן זאָל זידן אַ קאָכיקער קלומפּן,
מאַכט עס באַלד ברייטער, באַלד איינגעשרומפּן
און איך לעב איצט איבער די דראַמע — דעם שפּיל.

4

מוראדיק הערויש די שלאַכט איז
מיט דער צייט קעגן טויט, צום פאַרשמאַכטן.
מע בויערט אַ קאַנאַל דורך די שיכטן
פון פעלז, דורכן שטיין און די ערדן.
ס׳האָט קיינער געקאָנט זיך דען ריכטן
אויף צענדליקער שעה׳ן פאַרשווערט איז
די רעטונג צום קינד זאָל דערגרייכן —
סע לעבט דאָך! סע גיט נאָך אַ צייכן!

5

ס׳דרינגט קלאָר דאָס קול פון אָנזאָגער,
מיר האָרכן — איך און די וועלט, אין אַיינעם.
פאַרשפּאָרט ווערט גאָרניט פאַר קיינעם
מיר אַלע מיט הערצער פול פּיינען
מיר העלפן דאָס יינגל באַקלאָגן —
איך הער און — ס׳גלוסט זיך מיר וויינען — — —

3

נִקְרַעְתִּי... כְּכִנּוֹר הַפּוֹרֵט נִגּוּנוֹ הַדְּרָמָטִי,
כָּךְ הִשְׁפִּיעָה עָלַי הַיְּדִיעָה הַטּוֹבֶלֶת בְּדָם
מִן הָרַדְיוֹ. דּוֹמֶה שֶׁקּוֹל בֶּכִי שָׁמַעְתִּי.
זוֹ הָאֵם עַל הַבּוֹר. קוֹל הַיֶּלֶד נָדַם.
וּתְחוּשָׁה מוּזָרָה אֲפָפַתְנִי מִשָּׁמָּה –
כְּמוֹ רוֹתְחָה בְּלִבִּי הַיּוֹרָה עַל שַׁלְהֶבֶת –
הִנֵּה מִתְכַּוֶּצֶת, הִנֵּה מִתְרַחֶבֶת,
וַאֲנִי חַי מְחַדֵּשׁ אֶת שְׁלַבֵּי כָּל הַדְּרָמָה.

4

הַקְּרָב מַה נּוֹרָא, עַז כַּפֶּלֶד –
מִלְחֶמֶת הַזְּמָן מוּל הַמָּוֶת.
חוֹפְרִים מְנֻהָרָה אֶל הַיֶּלֶד
בֵּין סְלָעִים וְצוּקֵי הַצַּלְמָוֶת.
שׁוּם אָדָם לֹא יוּכַל לְשַׁעֵר לוֹ
כִּי בַּזְּמָן הָאָרֹךְ שֶׁעוֹבֵר לוֹ
עֶזְרָה לַפָּעוֹט תְּקַדְּמֶנּוּ –
הוּא חַי! גַּם אוֹתוֹת יֵשׁ מִמֶּנּוּ!

5

קְרִיאַת הַמּוֹדִיעַ גּוֹבֶרֶת
וְשׁוֹמְעִים – הָעוֹלָם וַאֲנִי יַחַד.
דָּבָר לֹא נִסְתָּר מִן הַפַּחַד,
וְכֻלָּנוּ, בִּנְשָׁמָה מְיֻסֶּרֶת
עוֹזְרִים לַפָּעוֹט לְהֵאָנַח.
אַאֲזִין – וְכִמְעַט אֶתְיַפֵּחַ.

6

דער דמיון אויפגעפראַלט, ווערט א בינע,
צעטיילט פאַר דער סצענע האָט זיך די קורטינע –
סע שפּילט זיך פאַר מיר אָפּ די טיפסטע פון דראַמען,
כ׳לעב איבער דעם צער און דעם ווייטיק דער מאַמעס...
יעדעס וואָרט איז אין מיר ווי פונקען וואָס צינדן
אין טריקענעם זומער אַ וואַלדישן פייער –
און כ׳ווער ביי דעם ראַדיאָ צוגעשמידט און געבונדן,
מיר ווערט דאָס יינגעלע נאָענט און טייער.

7

ערגעצוו איז אַ קינד אויסגעגאַנגען
טראַגיש – ס׳האָט יעדן ביים האַרץ אַזש גענומען
דאָס דראַמאַטישע שטייגן און שטייגן,
צי וועט מען אומשטאַנד זיין דערלאַנגען
די רעטונג? און דאָס פאַלן און נייגן
פון האָפענונג – מיר האָבן עס באַנומען –
אַ שרעקליכן טויט מיר באַגלייטן ...
יאָ – אָבער האָט דאָס אַזאַ מין באַדייטונג?

8

ערגעץ ווייט אַ קינד איז געשטאָרבן
אויף אַזאַ מין משונה־וויסטן אופן.

– – – – – – – –

ס׳איז דאָך צו אונדז די בשׂורה פון חורבן
דערגאַנגען – די גרייס, דער שוידער פון ציפער.
האָט מען אַזעלכס ניט געקאָנט זיך אויסמאָלן –
סע שרעקן זיך אַלע באַגריפן ! – –

6

בִּימָה הִתְמַקְמָה בַּדִּמְיוֹן הַפָּרוּעַ,
עַל הַסְּצֶנָה עָלָה הַמָּסָךְ הַקָּרוּעַ.
מַחֲזֶה אֵין־כְּמוֹתוֹ מִתְרַחֵשׁ מוּלִי פְּנִימָה,
אֲנִי חַי אֶת הַכְּאֵב וְהַצַּעַר שֶׁל אִמָּא.
כָּל מִלָּה בְּקִרְבִּי כְּגַחֶלֶת בּוֹעֶרֶת
בְּתוֹךְ דְּלֵקַת־יַעַר בְּיֹבֶשׁ הַקַּיִץ.
טְרַגֶדְיַת הָרַדְיוֹ אוֹתִי עוֹד קוֹשֶׁרֶת
וְהַיֶּלֶד נַעֲשָׂה כֹּה יָקָר לִי, בְּלִי חַיִץ.

7

אִי־שָׁם יֶלֶד מֵת מָוֶת טְרַגִי
וְלֵב כֹּל עוֹד נִצְבָּט וְרוֹעֵד
מוּל שְׁלַבֵּי הַמְּאֹרָע הַדְּרָמָטִי –
הֲתָבוֹא הַיְשׁוּעָה לַמּוֹעֵד?
הַתִּקְוָה הַדּוֹעֶכֶת וְקָמָה –
לָהּ כֻּלָּנוּ רִתַּקְנוּ, בָּכִינוּ,
כִּי מָוֶת נוֹרָא כֹּה לִוִּינוּ...
כֵּן, אַךְ מַה מַּשְׁמָעוּת יֵשׁ לַדְּרָמָה?

8

הַרְחֵק בָּאִי־שָׁם הָיָה יֶלֶד קָרְבָּן
לְמָוֶת מַחֲרִיד שֶׁכָּזֶה.

– – – – – – – – – – –

אַךְ אֵלֵינוּ הִגִּיעָה בְּשׂוֹרַת הַחֻרְבָּן
עִם זְוָעַת הַמִּסְפָּר וְאֵימַת הַמַּחֲזֶה.
לֹא נִתַּן לְדַמְיֵן זֹאת, לֹא נִתַּן לְתָאֵר,
כָּל מִכְלוֹל הַחוּשִׁים קָם נִפְחָד!

אַ מאָנסטער און ניט סתם נאָר נאָלן:
לייג אַנדערטהאַלב מיליאָן אויף אַיין הויפן!

9
זאָל דער אָנזאָגער אַלע אויפציילן!
צי וועלן די כּוחות אים סטייען?
צי וועלן אים די יאָרן געגונג זיין?
ער וועט זיך דאַפּון קיינמאָל באַפרייען;
דאָס לעבן וועט אים נאָר אַ פּלאָג זיין.
צי וועט ער די פּרטים דען קענען
פון גאַזקאַמערן, קרעמאַטאָריעס וואָס ברענען
צון די מאַסן־קברים אויף מיילן?

10
דאָס קערנדל דעם באַרג וויל אויסמעסטן,
דעם שרעקליכסטן – פון אַלע דעם גרעסטן:
דעם מבול פון מיליאָנען הרוגים.
זאָל אויפציילן אַלע פּרטים באַזונדער
פאַרמאַטערטע אַנדערטהאַלב מיליאָן קינדער,
פאַרגאַזטע, פאַראַשטע, וואָס צעשמעטערטע ליגן
אין לאַגערן, געטאָס אין בונקערס –
און די וואָס פאַרלענדט האָט דער הונגער.

11
דערוווסט האָט די צאָל ווער – באַרעכנט,
האָט עס דאָס האַרץ אונדז צעלעכערט.
די שרעקליכסטע בשורה פון דורות!
צי מכפּר זיין קאָן דען אַ טרויער עס?

אֵין לִמְנוֹת הַתִּפְלֶצֶת וְאֵין לְבָאֵר:
עִרְמוּ מִילְיוֹן וּמֶחֱצָה לְגֹבַהּ אֶחָד!

9

יָבוֹא הַמּוֹדִיעַ לִמְנוֹת אֶת כֻּלָּם!
הַאִם שְׁנוֹת־חַיָּיו לוֹ יַסְפִּיקוּ?
הַאִם מַאֲמַצָּיו לֹא יָעִיקוּ?
מְשִׂימָה שֶׁכָּזֹאת לֹא יַשְׁלִים לְעוֹלָם!
חַיָּיו יֵהָפְכוּ לוֹ לְתֹפֶת נוֹאֶשֶׁת.
הֲיַשְׂכִּיל לְהָבִין יְדִיעוֹת מַטְרִיפוֹת
מִן הַגֶּטוֹ, הַגָּזִים, תָּאֵי מִשְׂרָפוֹת
וְקִבְרֵי הֲמוֹנִים עַל פְּנֵי הַיַּבֶּשֶׁת?

10

הַגַּרְעִין הַקָּטָן בָּא לִמְדֹּד הַר גָּבוֹהַּ,
הַנּוֹרָא מִנִּי כֹּל, מַחֲרִיד עַד לִגְווֹעַ:
אֶת מַבּוּל הַשּׁוֹאָה, הֲרוּגִים לְמִילְיוֹנִים,
לוּ יָבוֹא וְיִמְנֶה אַף פְּרָטִים וּכְלָלִים,
מִילְיוֹן וּמֶחֱצָה יְלָדִים אֻמְלָלִים,
מְעֻנִּים, חֲנוּקִים וּשְׂרוּפִים – יַלְדֵי עֹנִי
מְבוּנְקָרִים, גֶּטוֹ, בֵּית־אָב שֶׁחָרַב
וִילָדִים שֶׁקִּפְּדוּ חַיֵּיהֶם בָּרָעָב.

11

עֵת נוֹדַע הַמִּסְפָּר בְּתוֹכֵנוּ
כְּמוֹ פִּלַּח הַפִּגְיוֹן אֶת לִבֵּנוּ.
נוֹרָאָה הַבְּשׂוֹרָה, אֵין כָּמוֹהָ,
מִי יָבוֹא לְכַפֵּר וְלִדְמֹעַ?

יאָ, דער ראַדיאָ האָט עס פֿאַרשוויגן,
און אֶפּשר געוואָלט עס ניט וויסן?
אין יענער צייט פֿון לאַנגאָניקע ליגנס
און פֿון אויסגעמעקטן געוויסן.

12
דעם דמיון האָבן זיי נאָר צעשונדן,
ווי קאָן מען אַזאַ גרויסקייט באַנעמען?
דער אָנהויב און סוף — ווו פֿאַרשוווּנדן
אין ענדלאָזן ים פֿון הרוגים.
יעדער פּרט איז פֿאַרפּלייצט און פֿאַרשוווּמען,
די מאָס האָט פֿאַנטאַזיע איבערשטיגן —
א מאָנסטער־טראַגעדיע באַדעקט נאָר
מיט אַ טויטן־טלית — און שרעקט נאָר.

13
ס׳ציט אויס זיך און ציט אַ שערענגע
קאָשמאַרנע אֵינסופֿיק די לענג איז,
זי שוועבט ווי די שאָטנס — ווי מראָה׳ס
טריב זענען — פֿאַרנעפּלטע כמאַרעס,
ווי רויכעס פֿון קוימען געשטויסן,
זיי פֿאַרנעמען די שיין פֿונעם דרויסן.
ווער קאָן זיך פֿון דעם וואָס אויסמאָלן?...
געבליבן זענען צאָלן — נאָר צאָלן — — —

14
אָט, אַזאַ צאָל, ווער קען זי דערפֿילן,
נאָר אויסרעכנען און דעם ווייטאָג ניט שטילן —

כֵּן, הָרַדְיוֹ הִשְׁתִּיק אֶת כָּל אֵלֶּה,
אוֹ אוּלַי לֹא רָצוּ זֹאת לָדַעַת
בְּאוֹתָם יְמֵי שֶׁקֶר וּבֶלַע
שֶׁל מַצְפּוּן שֶׁהֶחְנַק וְנִמְחָה אָט.

12

הֵם פָּרְעוּ וְקָרְעוּ כָּל דִּמְיוֹן,
אֵיךְ נִתַּן לְהָקִיף מִין עָצְמָה זוֹ?
הָרֵאשִׁית וְהַסּוֹף כְּמוֹ גָּזוּ
בְּתוֹךְ יַם־הַמֵּתִים בֶּהָמוֹן.
כָּל נֶפֶשׁ טָבְעָה וְנִשְׁטָפָה,
הַמֵּמָד הֶאֱפִיל כָּל פַּנְטַסְיָה –
טְרַגֶדְיַת אֵימִים מְעֻטֶּפֶת
בְּטַלִּית־שֶׁל־מֵתִים מְטֹרֶפֶת.

13

שׁוּרָה מִתְמַתַּחַת, נִמְתַּחַת,
סִיּוּט אֵינְסוֹפִי רְוּוּי פַּחַד;
הִיא כְּצֵל מְאַיֵּם מְרַחֶפֶת,
כְּעָנָן עַרְפִלֵּי עָב כַּזֶּפֶת.
כַּעֲשַׁן־אֲרֻבּוֹת לְלֹא רֹגַע
הַקּוֹטֵל בַּחוּצוֹת אֶת הַנֹּגַהּ.
וְכָל אֵלֶּה כֵּיצַד יְתֹאָרוּ?
מִסְפָּרִים, מִסְפָּרִים רַק נוֹתָרוּ – – –

14

עַד מִסְפָּר שֶׁכָּזֶה מִי יַגִּיעַ?
רַק לִמְנוֹת בְּלִי כְּאֵב לְהַרְגִּיעַ –

ווי קען מען דאָס ציפערן באַווייַנען,
ווי קען מען נאָך זיי זיצן שבעה?
וואָס פילן מיר מיט? ניט צו וויסן
די אֵימה די לעצטע, די גסיסה — — —
קיין קריעה צו רייסן פאַר קיינעם,
נאָר אַ צאָל ערגעצוווּ אָנגעשריבן.

15
זי וועט נאָר אַן אֵימה דערוועקן
מיט קאָשמאַרנע חלומות אונדז שרעקן...
קאָנסט ניט קיין רו מער געפינען,
ווילסט נאָר פון דעם גרויל ווו אַנטרינען.
ווי נישטיק דאָס וואָרט פון באַדויער,
אַ פלאַטשיק געפיל איז דער טרויער,
נאָך אונדזערע טויטע, אַ טאָוול
אַ מאַרמאָרנער צייכן, אַן אָנדענק
מיט נעמען פאַרקריצטע אויף שטענדיק.
ווער וועט ניט זאָגן, כ'בין אַן אָבל?...

16
מע האָט דאָס מיין פאָלק דאָרט פאַרשניטן
אויף כללערליי מיתות משונות.
פון אים מיר וועלן באַזונדער
אַ פערטל אָפּרעכענען — קינדער.
וואָס האָבן זיי, איר ווייסט אויסגעליטן...
אוי גאָט! אונדז וועלן ניט העלפן קיין קינות.
איך וויל פון מיין דמיון אויסמעקן
זייער גרויל, זייער פיין און די שרעקן.

אֵיךְ פּוֹרְצִים עַל סְפָרוֹת בְּבֶכִי,
אֵיךְ יוֹשְׁבִים עֲלֵיהֶם שִׁבְעָה?
מַה נַּרְגִּישׁ – רַק דִּמְעָה עֲלֵי לֶחִי
בְּלִי לָחוּשׁ אֶת זְוָעַת הַגְּוִיעָה – – –
אֵין עַל מִי עוֹד לִקְרֹעַ קְרִיעָה,
רַק מִסְפָּר שֶׁנִּרְשַׁם וְלֹא יֶחִי...

15

הוּא אֵימָה יְשַׁלֵּחַ עָלֵינוּ,
בַּחֲלוֹם־בַּלָּהוֹת יִפְקְדֵנוּ.
לֹא תוּכַל עוֹד לִמְצֹא פֹּה מָנוֹחַ,
רַק תִּרְצֶה מִזְּוָעָה זוֹ לִבְרֹחַ.
מָה אַפְסִי הוּא הַנֹּחַם עַל סֵבֶל,
כַּמַּגָּע הַקָּלִיל בְּיַם־אֵבֶל.
אַךְ מֵתֵינוּ שֶׁלָּנוּ – מַצֶּבֶת,
אוֹת־שַׁיִשׁ, מַזְכֶּרֶת עַל פֶּצַע
עִם שֵׁמוֹת חֲקוּקִים לָנֶצַח.
כִּי אָבֵל אֲנִי, שָׁרוּי בַּעֲצֶבֶת...

16

אֶת עַמִּי הַמְעֻנֶּה שָׁם הִשְׁמִידוּ,
בְּמִיתוֹת מְשֻׁנּוֹת הִכְחִידוּ.
נִמְנֶה מִתּוֹכוֹ אֲחָדִים,
כִּי כְּרֶבַע הָיוּ – יְלָדִים.
מִי יֵדַע עֱנוּתָם הַמְזֻוַּעַת?
אֱלֹהִים, הַקִּינוֹת הֵן לַהֶבֶל!
לוּ נִתַּן לִי לִמְחֹק מִן הַדַּעַת
אֶת פַּחְדָּם, אֶת הַבְּכִי וְהַסֵּבֶל.

17
מיך האָט ניט געמאָנט צו באַווײנען,
כ׳בין אויך ניט קיין שבֿעה געזעסן –
פֿאַר וועמען? פֿאַר אַלע? – ווי זאָל איך פֿאַרשטיין עס?
ס׳האָט דאָס האַרץ און מײַן מוח מיר צעפּרעסן.
ווי קען איך – אָן אָבער – דעם קאָפּ מיר באַשיטן
מיט אַש און קריעה מיר רייסן
פֿאַר אַ פֿאָלק א גאַנצן, ס׳געוואָרן פֿאַרשניטן –
געפּלאָגט כ׳בין פֿון חלומות נאָר בייזע.

18
געבליבן פֿאַר אונדז זענען צאָלן, בלויז צאָלן,
זיי קענען צום האַרץ קיין שטעגל געפֿינען.
אין דמיון צעוואַקסן, די צאָל ווערט געשוואָלן
און וועט פֿון זיכּרון שוין מער ניט אַנטרינען.
דארום מיר שארית־הפּליטה ווילן אַנטלויפֿן
ווי אַ חיה אַנטקומען וויל פֿונעם יעגער.
מיר זענער נאָך אַלץ פֿון דעם קאָשמאַר געראָדפּט,
נאָר פֿארצוימט אַרום און אַרום אַלע וועגן.

19
ס׳פּלאָנטערט די צאָל מיר, כ׳וויל מאַכן סך־הכּל –
וויפֿל זענען פֿאַרטיליקט? מײַן גאַנצע משפּחה?
צו טאָלק ניט געקומען, דער חשבון זיך וואַקלט,
ווי אַ לאָדן ביים פֿענצטער פֿון דער זאַווערוכע.
כ׳מעסט אין זיכּרון די גאַסן אין שטעטל
און איבער די וועגן צו אַ שטעטל אַ צווייטן,
צייל אין בית־המדרש און נישטער אין קלייטל
ווו זאָל איך ווייטער אַ ווענד און אַ דריי טון?

17

לֹא קוֹנַנְתִּי בְּבֶכִי, כִּי לֹא חַשְׁתִּי כֹּרַח,
לֹא יָשַׁבְתִּי שִׁבְעָה כְּאָבֵל בְּמִנְיָן.
עַל מִי? עַל כֻּלָּם? אֵיךְ אָבִין זֹאת בְּכֹחַ?
לְבָבִי בִּי נִשְׁבַּר וְאֵכֶל כְּקָרְבָּן.
אֵיךְ אוּכַל עַל רֹאשִׁי הָאָבֵל לָתֵת אֵפֶר,
הַשַּׂק לַחְגֹּר וְלִקְרֹעַ קְרִיעָה
עַל מוֹת עַם שָׁלֵם שֶׁהוּרַד אֱלֵי קֶבֶר...
סִיּוּטִים יִפְקְדוּנִי, תְּמוּנָה מַזְוִיעָה.

18

סְפָרוֹת, רַק סְפָרוֹת נִשְׁאֲרוּ מֵאִתָּנוּ,
שׁוּם נָתִיב אֶל הַלֵּב הֵם לִמְצֹא לֹא הִצְלִיחוּ.
וּגְדֵלוֹת הַסְּפָרוֹת בַּפַּנְטַסְיָה שֶׁלָּנוּ
וּמִתּוֹךְ זִכָּרוֹן הֵם אוֹתָן לֹא יַבְרִיחוּ.
וַאֲנַחְנוּ, שְׂרִידֵי הַפְּלֵיטָה, מְבַקְשִׁים עוֹד לִבְרֹחַ
כְּחַיָּה הַנִּמְלֶטֶת מִפְּנֵי הַצַּיָּד.
הַסִּיּוּט הַמְאַיֵּם עוֹד רוֹדְפֵנוּ בְּכֹחַ,
אַךְ גְּדוּרִים מִסָּבִיב הַשְּׁבִילִים עַד אֶחָד.

19

הַמִּסְפָּר מִתְפַּתֵּל בִּי, אֵשֵׁב לְסַכֵּם פֹּה –
כַּמָּה נִטְבְּחוּ? הַאִם כָּל מִשְׁפַּחְתִּי?
לַסִּכּוּם לֹא הִגַּעְתִּי. הַחֶשְׁבּוֹן מִתְעַקֵּם פֹּה
כִּתְרִיס הַנֶּחְבָּט בַּסּוּפָה עַל בֵּיתִי.
מוֹדֵד זִכְרוֹנִי כָּל סִמְטָה בָּעֲיָרֶת,
עוֹבֵר בַּדְּרָכִים אֶל הָעִיר הַשְּׁכֵנָה לָהּ;
מוֹנֶה בַּחֲנוּת, בְּבֵית־כְּנֶסֶת, בַּדֶּרֶךְ...
וְאָנָה אֶפְנֶה, אֵיךְ אֵלֵךְ מִשָּׁם הָלְאָה?

20

כ׳בין ווידער אין חדר אַריין, צו מיין רבי׳ן
און צייל אין די בענק מיינע גליד־שוועסטער־קינדער —
איך קאָן ניט מיין גאַנצן זיכּרון אויפלעבן,
ווי איז עס דען מעגליך? געווען וואָלט אַ ווונדער.
אַריין אין גימנאַזיע, אַריין אין דער פּאָלקסשול,
כ׳וועגד צו מיין אַלטן באַקאַנטן, דעם לערער ...
ס׳העלפט ניט — ס׳וועט מער ניט ווערן קיין טאָלק שוין,
וואָס מער איך צייל אויף, אויסרעכענען מיר שווערער.

21

איצט ווי זאָל איך דאָס גאַנצע אבלות צעטיילן,
ועמען פון אַלע דא אָפּגעבן בכורה?
ס׳איז מיר אומעגליך — זיי אַלע אויפציילן?
א פאַרטיליקטער שטאַם — פאַרטיליקטע דורות.
ווען מיין אומה אין גאַנצן פאַרלענדט איז געוואָרן,
איז עמעץ געווען דאָרט און געפירט האָט די ביכער
און חשבון געמאַכט, ניט געדאַרפט דעם זיכּרון,
די ציפערן געשריבן פּינקטלעך און ניכטער.

22

מיין האַרץ צו קליין איז, מיין נשמה קיין ברונע —
ווי קען עס די בלוטיקע פּיינען איינזאַפּן —
ווי קען מען פון איר דען אָנשעפּן נחמה?
ליידיק, קיין טראָפּן ועסטו מער ניט צאַפּן
צו טרייסטן דען ועמען? וואָס טויגן די טרייסטן?
די זעל אויסגעטרוקנט, דאָס האַרץ נאָך אַמייסטן...
— נעם איך דאָס ספר און מיש אויף ביי ״אֵיכה״,
ירמיהו׳ס קינות — ניחא שוין, ניחא ...

20

נִכְנַסְתִּי לַ'חֶדֶר', פָּנִיתִי לָרַבִּי
לִמְנוֹת עַל סַפְסַל אֶת שִׁפְעַת דּוֹדָנַי.
לֹא אוּכַל לְהַחְיוֹת זִכָּרוֹן שֶׁהָיָה בִּי,
כִּי אֵיךְ יִתָּכֵן? זֶה יִהְיֶה פֶּלֶא חַי.
לְבֵית־סֵפֶר פָּנִיתִי, מִשָּׁם לַגִּמְנַסְיָה,
לְמוֹדָעֵי הַקָּשִׁישׁ, הַמּוֹרֶה הָרַחוּם...
אַךְ לַשָּׁוְא – הַסִּכּוּם יִשָּׁאֵר כְּפַנְטַסְיָה;
כִּי כְּכָל שֶׁאֶמְנֶה – כֵּן קָשֶׁה הַסִּכּוּם.

21

כֵּיצַד אֲחַלֵּק פֹּה אֶת כָּל יַם־הָאֵבֶל?
לְמִי אַעֲנִיק הַבְּכוֹרָה וּמַדּוּעַ?
כְּלוּם אֶפְשָׁר כָּאן לִמְנוֹת אֶת כֻּלָּם לְפִי חֶבֶל?
דּוֹרוֹת מֻשְׁמָדִים – וְגֶזַע גָּדוּעַ.
בַּיָּמִים בָּם עַמִּי נֶהֱרַג וְנִרְמַס לוֹ,
מִישֶׁהוּ שָׁם יָשַׁב וְנִהֵל הַסְּפָרִים,
חִשֵּׁב חֶשְׁבּוֹנוֹת, זִכָּרוֹן לֹא נִדְרַשׁ לוֹ,
כִּי רָשַׁם בִּקְפִידָה דַּיְקָנִית מִסְפָּרִים.

22

נִשְׁמָתִי מַה קְּטַנָּה, אֵין בְּאֵר לִי בַּנֶּפֶשׁ;
אֵיךְ תּוּכַל הִיא לִסְפֹּג אֶת הַדָּם עִם הַסֵּבֶל?
כְּלוּם נִתַּן בָּהּ לִשְׁאֹב נֶחָמָה, לוּ כְּאֶפֶס?
הִיא רֵיקָה, אַף טְפוּנֶת יָדַי לֹא שׁוֹאֶבֶת.
אֶת מִי לְנַחֵם? הַנִּחוּם מַה יַּצְמִיחַ?
הַנְּשָׁמָה יְבֵשָׁה וְהַלֵּב הוּא צָחִיחַ...
אֶקַּח הַתַּנַ"ךְ וְאֶפְתַּח בְּ"אֵיכָה",
קִינוֹת יִרְמְיָהוּ עַל עֵמֶק־בָּכָא.

23
איך וועל אַ פּרווו טון די צייט איבערבריקן –
אַ בריק איבער טויזנטער יאָרן צו וואַרפן,
פאַר אַ שליח מיין זעל וועל איך שיקן
אַ מאָס און פאַרגלייך וועט זי דאָך באַדאַרפן:
געזען האָט ער ירושלים גייט אויף אין פלאַמען,
– אין "אֵיכה" צעקלאָגט ער זיך איבער איר חורבן.
די שטעט מיט די תושבים אלע צוזאַמען
חָרב געזען און ווי זענען געשטאָרבן.

24
פאַרשטאַרט – ר׳זיצט פאַרוויקלט אין מאַנטלס פאַלדן,
געבויגן, ס׳פּנים אין די אָרעמס באַהאַלטן,
צעקלאָגט ער זיך אֵיכה׳דיק אין זיינע קינות
מיט טענות צו גאָט – "אני הגבר", איך בין עס...
איבער טויטע וואָס וואַלגערן זיך אויף די גאַסן,
אויף צעבראָכענע מויערן אין חורב׳ע הייזער
העט ער געיאַמערט – א לבנה אַ בלאסע
אַ שיין האָט געוואָרפן אַ קאַלטן און בייזן – – –

25
ווו איז אונדזער נביא געווען? ס׳וואָלט ניט סטייען
קיין צענטלינג אפילו זיי זאָלן קענען
באַיאַמערן און מיט אַלע גוואַלדן אויסשרייען:
מע האָט אונדזער אומה צום גאַז געפירט – צום פאַרברענען!
קיינער דעם גרויל האָט געזען צו באַזינגען
די מיתות משונות, די שרעקליכסטע פּיינען –
קיין ירמיהו׳ס געווען זיי זאָלן דורכדרינגען
די קאַצעטן, די געטאָס – קיין "איכה" געוויינען...

23

אֲנַסֶּה עַל הַזְּמַן גֶּשֶׁר צָר לְהָנִיחַ,
וּמְתוּחַ הַגֶּשֶׁר עַל פְּנֵי שְׁנוֹת אַלְפַּיִם.
וְאֶת נִשְׁמָתִי אֶעֱשֶׂה לְשָׁלִיחַ
אֲשֶׁר יִזְדַּקֵּק לְמִדָּה בְּלִי אַפְסַיִם.
הוּא רָאָה: יְרוּשָׁלַיִם עוֹלָה בְּשַׁלְהֶבֶת,
וְהִשְׁמִיעַ "אֵיכָה" עַל עָצְמַת הַקָּרְבָּן.
אֲנָשִׁים וְגַם טַף, כָּל הָעִיר הַנּוֹשֶׁבֶת
הָיוּ לְמַפֹּלֶת, הָיוּ לְחֻרְבָּן.

24

קָפוּא הוּא יוֹשֵׁב מְעֻטָּף בְּאַדֶּרֶת,
כָּפוּף, וּדְמוּתוֹ בֵּין זְרוֹעוֹת מְסֻתֶּרֶת,
מַשְׁמִיעַ קִינוֹת שֶׁל "אֵיכָה" עַל הַשֶּׁבֶר,
קוֹבֵל לֵאלֹהָיו: "הוֹי, אֲנִי הַגֶּבֶר"...
עַל מֵתִים שֶׁהֻטְּלוּ בְּחוּצוֹת כָּל הַקֶּרֶת,
עַל בָּתִּים נְתוּצִים וְקִירוֹת נְפוּלִים
מְקוֹנֵן הוּא... וְרַק הַלְּבָנָה הַחִוֶּרֶת
הִטִּילָה אוֹר־זֹהַר צוֹנֵן וְאַלִּים — — —

25

הֵיכָן הוּא הָיָה, יִרְמְיָהוּ שֶׁ לָּ נ וּ ?
מְגִלָּה כְּפוּלַת־עֶשֶׂר לֹא הָיְתָה לוֹ מַסְפֶּקֶת
לְקוֹנֵן וְלִזְעֹק וּלְשַׁוֵּעַ אִתָּנוּ:
הוּבָא עַמִּי אֶל הַגַּזִּים, לָאֵשׁ הַחוֹנֶקֶת!
וְאִישׁ לֹא נָכַח בָּאֵימָה, לְשׁוֹרֵר עַל
מִיתוֹת מְשֻׁנּוֹת, עַל עֱנוּת וּרְצִיחָה.
לֹא הָיָה יִרְמְיָהוּ שֵׁנִי, הַחוֹדֵר אֶל
גֶּטָאוֹת, מַחֲנוֹת — לְקוֹנֵן שָׁם "אֵיכָה"...

26

נאָך צייטן צי יאָרן זענען דערגאַנגען די בשׂורות
פאַרגליווערט ווי די אומצייטיקע האָגלען,
פון מאָרד און הריגות, פון אויפשטאַנד און גבֿורות —
זיי וואָגלען צו הערצער אַרום זיך און וואָגלען...
מיר קענער ניט וויינען — און אפֿשר איז בעסער
אַז אונדזערע הערצער געוואָרן פֿאַרשטאַרטע
צום שרעקליכסטן גרויל — וואַקסט גרעסער און גרעסער —
ער וועט קיינמאָל קיין מקום־מנוחה דערוואַרטן.

יולי 1981

## 26

מִדּוֹר אֱלֵי דּוֹר נָדְדוּ הַבְּשׂוֹרוֹת,
קְפוּאוֹת וְקָשׁוֹת כְּאַבְנֵי הַבָּרָד –
עַל קֶטֶל וָהֶרֶג, מְרִידוֹת וּגְבוּרוֹת,
נָדְדוּ וְצָנְחוּ אֶל כָּל לֵב שֶׁחָרַד...
לֹא נוּכַל עוֹד לִבְכּוֹת, וְאוּלַי מוּטָב כָּכָה,
שֶׁלִּבֵּנוּ גַּם הוּא נִתְקַשָּׁה בִּבְעָתָה
לָאֵימָה הַגְּדוֹלָה בְּיוֹתֵר, הַצּוֹמַחַת
וּלְעוֹלָם לֹא תִּמְצָא אֶת מְקוֹם מְנוּחָתָהּ.

יולי 1981

## טונקעלע טרויבן

### ירושה

וואָס לאָז איך דען איבער,
וואָס נעם איך נאָך מיט?
מיין טייערסטן אוצר,
אים האָב איך געהיט,

צוזאַמען געקליבן
אין מיין טעגליכער נויט,
ר'איז חשובער, נויטיק,
ווי אַ פענעצל ברויט.

איך לייג עס באַנאַנדער
ווי קערנער – פאַרזיי
צו ווערן אַ שפּראָצונג
מיט שפע, געדיי.

איך האָב עס געכאָוועט
ווי'ם איידעלסטן בוים –
ס'איז חשוב געווען מיר
מיין ליכטיקער טרוים.

איך האָב אים פאַרזייעט
איך האָב אים פאַרפלאַנצט –
פון גאָלדענער תבואה
דערוואַרט איך איר גלאַנץ.

# עֲנָבִים כֵּהִים

## יְרוּשָׁה

מָה אַשְׁאִיר אַחֲרַי
וּמַה יִלָּקַח?
אוֹצָרִי הַיָּקָר לִי
שֶׁשָּׁמַרְתִּי כָּל־כָּךְ.

אוֹתוֹ הֵן צָבַרְתִּי
בִּמְצוּקַת יוֹמְיוֹמִי;
אֵין כְּמוֹתוֹ חִיּוּנִי לִי,
כְּפַת מִלַּחְמִי.

בְּצַד אֲנִיחֶנּוּ –
מַאֲגָר לִזְרִיעָה
שֶׁיִּגְדַּל וְיַצְמִיחַ
בְּשֶׁפַע תְּבוּאָה.

אוֹתוֹ הֵן טִפַּחְתִּי
כְּנֶטַע צָעִיר
וְיָקָר הוּא הָיָה לִי,
חֲלוֹמִי הַמֵּאִיר.

אוֹתוֹ אַף רִבִּיתִי,
שָׁתַלְתִּי בְּשִׁיר;
הַתְּבוּאָה הַמְּזַהֶבֶת
מְצַפָּה לְקָצִיר.

וואָס קאָן מער זיין חשוב
ווי דער עמוד־אֵש,
וואָס פירט צו דער וואָר מיך,
ווערט פאַר מיר א יֵש.

איך האָב דורכגעוואַנדערט
די מדבר פוס טריט
ביז כ׳בין דאָרט דערגאַנגען
וווּ דער עמוד־אֵש פירט.

און כ׳האָב מיטגענומען
די לוחות פאַרקריצט
מיט די עשׂרת הדברים —
מיין גאַנץ האָב און גוטס.

אַרויס פון דער מדבר
און איצט צו דעם ברעג
אָנגעקומען פון ירדן,
צום סוף וואַנדערוועג.

מיט מירביידע לוחות
— מיין איינציק פאַרמעג —
איך האָב אָפּגעהיט עס,
כ׳דאַרף געבן ס׳אַוועק.

ווער דאַרף אים, מיין אוצר?
ווער דאַרף עס, מיין מי?
מיין גרעסטער געראַנגל,
מיין האַרצנס צעגלי.

מָה חָשׁוּב וְרַב־עֵרֶךְ
מֵאֲשֶׁר עַמּוּד־אֵשׁ
שֶׁיַּנְחֵנִי בְּצֶדֶק
וִיהֶיֶה לִי לְיֵשׁ.

בָּרַגְלַיִם חָצִיתִי
הַמִּדְבָּר הַיָּבֵשׁ
וְהָלַכְתִּי לַיַּעַד
בְּעִקְבוֹת עַמּוּד־הָאֵשׁ.

אִתִּי אָז לָקַחְתִּי
שְׁנֵי לוּחוֹת בְּיָדַי
עִם דִּבְּרוֹת הָעֲשֶׂרֶת –
הֵם כָּל נְכָסַי.

מִמִּדְבָּר אָז יָצָאתִי
וּפָנִיתִי לַחוֹף;
לַיַּרְדֵּן עֵת הִגַּעְתִּי
לִנְדוּדַי בָּא הַסּוֹף.

לוּחוֹתַי הַשְּׁנַיִם,
אוֹצְרִי הַמּוּרָם –
עֲלֵיהֶם מָה שָּׁמַרְתִּי,
אַךְ עָלַי לְמָסְרָם.

מִי זָקוּק לְאוֹצָר זֶה,
מִי צָרִיךְ אֶת הוֹנִי?
מַאֲבָקִי הַגָּדוֹל הוּא
וְלַהַט אוֹנִי.

מיין לעבדיקער אָטעם
מיר ריזלט אין בלוט,
צעשטראָמטע געפילן —
שייד בייז פונעם גוט!

דאָס מיאוסע און שלעכטע
אין כּף־הקלע פאַרוואַרף,
דאָס אייביקע גוטע
נאָר, איז מיין באדארף.

די לוחות, זיי האָב איך
מיט מיר מיטגעשלעפּט —
וועמען גיב איך זיי איבער
כּל זמן איך נאָך לעב?

ווער וועט איבערנעמען
ווער יַרשנט מיין גאָב?
און ווו זי צו לאָזן,
וועמען גיב איך זיי אָפּ?

ס׳פּולסירט מיר אין האַרצן
א מאָדנע געפיל,
אזא ביטערער טעם
אז דאָס וואָס איך וויל

דאַרף ווערן מקוים
אין היינטיקער וועלט,
ווו אַלץ ווערט צעטרייסלט,
אויף קאָפּ עס געשטעלט.

יֵשׁוּתִי הַנּוֹשֶׁמֶת
בִּי זוֹרֶמֶת לָרֹב;
בְּדָמִי תְּחוּשׁוֹת־סַעַר,
גְּבוּל בֵּין רוֹעַ וָטוֹב.

הַכִּעוּר וְהָרוֹעַ
בְּכַף־קֶלַע יֻטְלוּ,
וְהַטּוֹב בֶּן הַנֶּצַח –
רַק אֵלָיו יִתְפַּלְּלוּ.

הַלּוּחוֹת הַשְּׁנַיִם
הַשְּׁמוּרִים בְּיָדַי –
לְמִי אֶמְסְרֵם פֹּה
כָּל עוֹד אֲנִי חַי?

מִי יָבוֹאָה לָקַחַת,
וְאוֹתָם מִי דוֹרֵשׁ?
הֵיכָן אַשְׁאִירֵם עוֹד,
מִי נוֹטֵל, מִי יוֹרֵשׁ?

לְלִבִּי מִתְגַּנֶּבֶת
תְּחוּשָׁה מוּזָרָה –
מְרִירוּת לְלֹא טַעַם,
כִּי זֶה שֶׁאֶקְרָא

חַיָּב לְקַיֵּם פֹּה,
בָּעוֹלָם שֶׁל הַיּוֹם,
בּוֹ הַכֹּל מִזְדַּעְזֵעַ
בְּאֹפֶן אָיֹם.

צי זאָל מען ניט נעמען
די לוחות די צוויי,
א שליידער געטון זיי
מיט ביטערן געשריי:

פאַרבלענדט בני ישׂראל!
צו שאַנד און צו שפּאָט,
איר האָט דאָך פאַראָטן
דעם איינציקן גאָט!

ער איז אייך ניט מוחל,
וואָס איר זייט פאַרבלענדט,
און איר זיינע מצוות
״כי טוב״ ניט דאַרקענט. —

איז נעם איך די לוחות
צעבראָכענע מיט? — — —
איך לאָז זיי דיר איבער,
מיין יורש — זיי היט!

וְאוּלַי יֵשׁ לָקַחַת
אֶת שְׁנֵי הַלּוּחוֹת,
לְנַפְּצֵם אֶל הַסֶּלַע
בִּזְעָקוֹת הַשְׁלוּחוֹת:

בְּנֵי עַמִּי, הִסְתַּנְוַרְתֶּם
עַד חֶרְפָּה לִבְלִי חֹק,
כִּי גְרַרְתֶּם וַעֲשִׂיתֶם
הָאֱלֹהַּ לִצְחוֹק!

הוּא לָכֶם לֹא סוֹלֵחַ,
כִּי חֲטָאתֶם לָרֹב,
מִצְווֹתָיו לֹא קִיַּמְתֶּם,
לֹא מְלֵאתֶם "כִּי טוֹב".

וְשֶׁמָּא אֶקַּח אֶת
הַלּוּחוֹת הַשְּׁבוּרִים? – – –
לְיוֹרְשַׁי אַשְׁאִירֵם כָּאן –
נָא שִׁמְרוּם, בַּחוּרִים!

## אומרויִק האַרץ

קאָנסט זיך ניט פֿאַנאַנדערקלייבן
אין דיין אומרויִקן האַרצן.
איז עס א צעברויזצע פרייד דען,
צי אַ בענקענדער באַדויער?
ווייסט דען וואָס דיר וועט פאַרבלייבן.
וועלכס פוןביידן איבערדויערט?

קאָנסט פון עבר זיך ניט שיידן
וואָס ער שעפּשעט ווידער: וואַרט צו...
ס׳איז דיין בלי־צייט דיר אַנטרונען.
האָסט קיין קרענץ דיר ניט געפלאָכטן,
ווינט די בלומען האָט פאַרווייעט
און די בלעטעלעך געשאָכטן.

קאַרגע צייט דיר נאָר געסטייעט –
האָסט די פּירות נאָר פאַרנומען
פון דיין גאָרטן. זיינע זאַפטן
נישט געראונען אויף דיין גומען.
ס׳האָט דיין מי אויך ניט באַוויזן
אַז פון אַלעם דיין געשאַפטן
א טראָפּ שלווה צו געניסן.

אָבער דאָך – הער אין די טיפן
פון דיין זעל האָט זיך באַהאַלטן
אַן עקשנותדיק פאַרלאַנגען:
אויסצוהאַלטן – ״איבערשטיי נאָר
דיין געראַנגל, דו אליין נאָר!״
פאַר דער מי, א פרייד פון שאַפן –

# לֵב מְסֹעָר

לֹא תִּמְצָא עוֹד שְׁבִיל וּפֶשֶׁר
בְּלִבְּךָ הַלֹּא־שָׁקֵט.
הַאִם זוֹ שִׂמְחָה גּוֹעֶשֶׁת
אוֹ עִצָּבוֹן־עֶרְגָּה חִוֵּר?
הֲתֵדַע מִי מִן הַשְּׁתַּיִם
תַּאֲרִיךְ לִשְׁהוֹת יוֹתֵר?

לְהִפָּרֵד הֵן לֹא יָדַעְתָּ
מֵאֶתְמוֹל הַסָּח: חַכֵּה...
רֶגַע פְּרִיחָתְךָ שָׁלוּחַ,
לֹא קָלַעְתָּ זֵר נָאֶה.
הַפְּרָחִים יְבֵשׁ הָרוּחַ
וְאֶת הֶעָלִים יַכֶּה.

עִם הַדְּחָקוֹת שֻׁתַּפְתָּ.
הַפֵּרוֹת זֶה אַךְ אָסַפְתָּ
מִגַּנְּךָ. יֵינָם הַטּוֹב
לֹא נִגַּר עַל דַּל שְׂפָתֶיךָ.
לֹא הוֹכַחְתָּ מַאֲמַצֶּיךָ,
כִּי מִכָּל יְצִירוֹתֶיךָ
טִיף שַׁלְוָה נִתַּן לִשְׁאֹב.

וּבְכָל־זֹאת, אֵי־שָׁם בְּעֹמֶק
נִשְׁמָתְךָ עוֹד מִסְתַּתֶּרֶת
שְׁאִיפָה עִקֶּשֶׁת־עֹרֶף:
לְהִתְגַּבֵּר! – "קוּם וְנַצְּחָה
מַאֲבָקְךָ בְּמוֹ יָדֶיךָ!"
תּוֹךְ שִׂמְחַת יוֹצֵר חוֹגֶגֶת

האָסטו דאָך צולעצט באַגריפֿן,
אַז נאָכן מאַרטערוועג דעם לאַנגען,
ווי דורך נעפּל זיך געשטאַלטיקט
אַ מראה ליכטיקע: צופֿרידן
זײַ, אַז מיט אַזאַ מין שאַפֿן
ווערן זיי נאָך אַלץ ניט מידע
דײַנע הענט, נאָך אַלץ ניט שלאַפֿע.

דײַנע יאָרן ווערן רײַפֿע
ווי די פּירות אויף די בוימער,
אײַנגעזאַמלט אין די הויפֿנס —
אויסגעחלומט איז דײַן טרוים דיר.

קיין שום ספֿיקות וועט ניט רויבן
דײַן עקשנותער בטחון.
ר׳האָט דײַנע גרויע טעג און וואָכן
מיט אײן רגע ליכט דערהויבן
אַ יום־טובֿ הייליקן צו פֿראַווען.
ווייסט איצט וואָס עס איז דײַן שׂכר דיר,
אויסגעשיילט האָסטו אויף פֿאַר דיר
אַ פּענעץ פֿרייד — אַזאַ מין לעבן
דײַנס געווען איז: שאַפֿן — געבן...

הֵן סוֹף־סוֹף נוֹכַחְתָּ דַּעַת
כִּי בְּתֹם נְתִיב הַיֶּגַע
כְּמוֹ בַּעֲרָפֶל הוֹפִיעָה
קֶרֶן־אוֹר. שִׂמְחָה הִבְקִיעָה,
עַל כִּי בִּיצִירַת אֱמֶת
לֹא עָיְפוּ עוֹד שְׁתֵּי יָדֶיךָ,
לֹא אִבְּדוּ הַכֹּחַ, אֶחָא.

מִבְּשִׁילוֹת עַתָּה שְׁנוֹתֶיךָ
כְּמוֹ פֵּרוֹת בְּצֵל צַמֶּרֶת,
שֶׁיָּצְרוּ גִּבְעָה זוֹהֶרֶת –
וְנֶחְלַם חֲלוֹם־חַיֶּיךָ.

שׁוּם סָפֵק לֹא עוֹד יַכְנִיעַ
אֶת בִּטְחוֹנְךָ עִקֵּשׁ־הָעֹרֶף.
יָמֶיךָ הַקּוֹדְרִים כַּחֹרֶף
בְּהֶרֶף־עַיִן אוֹר הִבְקִיעַ
לְקַדֵּשׁ בּוֹ יוֹם שֶׁל חָג.
אֶת שְׂכָרְךָ הִנֵּה אָסַפְתָּ,
גַּם קֻרְטוֹב שִׂמְחָה שָׁאַבְתָּ:
כָּאֵלֶּה הֵן הָיוּ חַיֶּיךָ –
לִיצוֹר – לָתֵת בְּמוֹ יָדֶיךָ.

## מיט מיין פֿאַנג־נעץ

כ׳גיי אַרויס איצט מיט מיין סיעטקע גרינער
אויף די לאָנקעס בלומיקע אַ ביסעלע שפּאַצירן.
און איבער יעדער בלום פּלאַטערלעך און בינען
פלימערן און זשומען — אַן אוצר פון קאָלירן.

ס׳א שפעטזומערדיקער טאָג. אויפן הימל הויך און ווייטליך
שוועבן לאַנגזאַם ווייסע וואָלקנדלעך אַ סטאַדע.
קוים ווען זיי באַרירט אַ זונענראַנד איז מער ניט דייטליך
אַ שאָטן איבער פליינען, און איך מערק עס ניט אַוודאי.

צו וואָס מיין נעצל, וואָס וויל איך מיט אים פאַנגען?
נאָך וואָס וועל איך זיך יאָגן אויף דער לאָנקע?
מיר גלוסט זיך דווקא ניט אָט יענע צודערלאַנגען
וואָס היפערן פון בלום צו בלום און בלאָנקען.

מיר גלוסט זיך וואָס — איז עס אַ סוד אַ טיפער?
איך האָב אין בוזעם אַ חוץ גליסטונג — גלויבן,
אַזאַ אַנונג. שפּירונג גייסטיקע (אַ חוץ באַגריפן)
וועל איך פאַר דעם פאַנגען צוערשט אויסקלייבן — — —

אויב געפין איך עם ניט אויף די לאַנען
בלומיקע, וועל איך צום וועלדל צווישן שטאַמען
זיך לאָזן — ס׳אַ קורצער נאָר מהלך שפאַנען —
און זוכן פון בוים צו בוים. צי וועל איך זיך פאַרזאַמען,

ווער ווייס? כ׳וועל נאָכקוקן צו ביימערקרוינען, צווישן צווייגן
און אויך באַטראַכטן וועל איך יעדע קאָרע אין די שפּאַלטן,
איינהערן זיך אין פייגל־צוויטשער און אין וואַלדיש שווייגן
צי איז נישט דאָ ווו ערגעץ דאָך באַהאַלטן

## עִם רֶשֶׁת־הַפַּרְפָּרִים שֶׁלִּי

אֲנִי יוֹצֵא עִם רֶשֶׁת־פַּרְפָּרִים יְרַקְרֶקֶת
לָשׁוּט מְעַט עַל פְּנֵי הָאָחוּ הַפּוֹרֵחַ.
מֵעַל כָּל פֶּרַח רוֹחֲפִים דְּבוֹרִים וּפַרְפָּרִים בְּשֶׁקֶט,
הוֹמִים וּמְרַפְרְפִים – מַטְמוֹן־צְבָעִים זוֹרֵחַ.

זֶה יוֹם שֶׁל סוֹף הַקַּיִץ. הַרְחֵק בְּגֹבַהּ הַשָּׁמַיִם
דּוֹאָה לְאַט עֲדַת עָבִים צְחַרְחֶרֶת;
וְעֵת תִּגַּע בִּשְׂפַת הַשֶּׁמֶשׁ, בַּשּׁוּלַיִם –
נִפְרָשׂ הַצֵּל עַל הַשָּׂדֶה, וְאָז הַכֹּל נִרְאָה אַחֶרֶת.

לְצָרְךָ מָה הָרֶשֶׁת, וּמָה אֶרְצֶה לָצוּד בָּהּ?
מַדּוּעַ אֶתְרוֹצֵץ לִי כָּךְ עַל פְּנֵי הָאָחוּ?
אֵינִי רוֹצֶה דַּוְקָא לִטְרֹחַ וְלִלְכֹּד בָּהּ
אֶת אֵלֶּה שֶׁמִּפֶּרַח אֶל נִצָּן יִפְרָחוּ.

אֲנִי רוֹצֶה... הַאִם זֶה סוֹד שָׁלוּחַ,
כִּי בְּקִרְבִּי יֵשׁ אֱמוּנָה וְלֹא רַק חֵשֶׁק –
מִין מֶשָּׂג – מִלְּבַד הֶשֵּׂג־הַמֹּחַ גַּם תְּחוּשַׁת הָרוּחַ,
לְמַעַנָם אֶלְכֹּד תְּחִלָּה בְּתוֹךְ הָרֶשֶׁת – – –

אִם לֹא אֶמְצָא זֹאת בְּחֶלְקָה פּוֹרַחַת,
אֵצֵא וַאֲחַפֵּשׂ בֵּינוֹת עֲצֵי הַיַּעַר –
הַדֶּרֶךְ שָׁמָּה בִּקְצָרָה נִמְתַּחַת,
אֵלֵךְ לִבְדֹּק מֵעֵץ לְעֵץ. הַאֶתְעַכֵּב כְּנַעַר,

אוּלַי? אֶבְלֹשׁ בֵּין עֲנָפִים, מִצַּמָּרוֹת עַד שֹׁרֶשׁ
וְגַם אָצִיץ לְתוֹךְ סְדָקִים שֶׁבִּקְלִפַּת הַגֶּזַע,
אַקְשִׁיב לְצִיּוּצֵי צִפּוֹר וּלְדִמְמַת הַחֹרֶשׁ,
אוּלַי הוּא מִסְתַּתֵּר אֵי שָׁם... הִנֵּה זָע

מײַן קומענדיקער פּאַנג. — װוּ װעט ער זיך אַנטפּלעקן?
איך מאָל אין דמיון מיר דעם גאָלד־גרינעם קעפער,
זײַן בױך מיט דימענט־שפּרינקלען, די פליגלאַך גאָלדן־פּלעקיק...
אָבער װוּ אים אױפזוכן און װוּ װעל איך אים טרעפן?

אפשר אָונטצוּ אין נאַכטיש שטילן טונקל,
װעט ער זיך צעלױכטן מיט שטערנדיק געפלימער
װי בלאָנדזעדיקע ליכטער אױף בלעטער זיך צעפינקלען
אָדער צװישן גראָזן הױכע אַזאַ שײן װאָס גלימערט.

דערװײַל איך זוך — ס׳איז ניט קײן װיזיע זיך יאָגן
נאָך איר, װי נאָך אַ ליכטל, װאָס קאָן מיך שטרױכלען
אױף זומפּן מיך פאַרנאַרן, צו אָפּגרונטן פאַרטראָגן,
ס׳איז מער װי עפּעס אַ פאַרלאַנגן אױכעט...

ריזלט עס מיר אין די בלוטן װי אַ פײַן מיר
װאָס מיך קײנמאָל ניט פאַרלאָזן װען אפילו
ביז צום לעצטן אָטעם דער גלוסט נאָך זײַן מיר
און איך װעל זײַן שװעב נאָך אױף מײַן שטערן פילן.

צֵידִי הַבָּא. הֵיכָן הוּא יִתְגַּלֶּה לִי?
בְּדִמְיוֹנִי אֶרְאֶה אֶת חֵן־דְּמוּתוֹ הַזְּהַבְהֶבֶת,
בִּטְנוֹ הַנְּקֻדָּה פְּנִינִים, זוּג פַּז־כְּנָפָיו הַפֶּלְאִי...
אֲבָל הֵיכָן עוֹד לְחַפְּשׂוֹ, אֵיפֹה אֶרְאֶנּוּ שֶׁבֶת?

אוּלַי בְּדִמְדּוּמֵי הָעֶרֶב וּבְחֶשְׁכַת הַלַּיְלָה,
הוּא יִדָּלֵק פִּתְאֹם בְּזִיו כּוֹכָב רַב דֶּשֶׁן,
כְּגַחְלִילִית תּוֹעָה עַל כַּף וּמוֹתִירָה אוֹר שַׁי לָהּ,
אוֹ כְּבָרָק זֹהַר הַנּוֹצֵץ עַל כַּר הַדֶּשֶׁא.

אֲנִי עוֹד מְחַפֵּשׂ... אֵינִי רוֹדֵף מַרְאֶה שֶׁל הֶבֶל,
מִין אוֹר תּוֹעֶה שֶׁיַּכְשִׁילֵנִי בִּמְרוּצָה דּוֹהֶרֶת,
לְהַתְעוֹתֵנִי לַבִּצָּה, לַתְּהוֹם לְהַפִּילֵנִי כְּמוֹ אֶבֶן,
וְהוּא יוֹתֵר מִסְתָּם עוֹד מִשְׁאָלָה נִמְהֶרֶת.

זוֹרֵם הוּא בְּעוֹרְקַי כְּמוֹ כְּאֵב פּוֹלֵחַ
אֲשֶׁר לֹא יַעֲזֹב אֶת לְבָבִי לָנֶצַח,
עַד רֶגַע אַחֲרוֹן בִּי יִהְיֶה אוֹתוֹ אִוּוּי קוֹדֵחַ,
אֶת רִחוּפוֹ הַקַּל אַרְגִּישׁ תָּמִיד עַל מֵצַח.

## מיין יידיש ליד

מיין בינטעלע לידער,
ווי טרוקענע בלעטער
ביים האַרבסטיקן וועטער
זיי פאַלן אנידער – – –

ווער דאַרף נאָך דעם יידישן חן דען
וואָס ליגט איינגעדרימלט
צווישן וואָרט אין דעם צווייטן?
זיין טיפאייגענעם ניגון באשיינט דען
דער שמייכל דורך טריפענדען טרויער
וואָס האַלט קוים ביים פארשווינדן –
ער שעפשעט מיטן ווינטל דעם לינדן,
דאָס פאַלן די טרוקענע בלעטער...

און איך (אַזאַ חלום אַ וויסטער)
בין ווו דאָ אויף קבר־אָבות,
טראָג מיט מיין בינטעלע לידער
אַרום אויף די קברים (וואַס ניט פאַראַנען)
איך האַלט אין איין שפאַנען –
סע רייסן זיך מיינע בלעטער
מיט יידישע אותיות.

ס׳זענען טויבע קלאַנגען
און שטומע געזאַנגען –
זיי האָט עס פאַרשלעפט
ביז אַהער, דער נעכטיקער מלאך־המוות.

## שִׁירֵי הַיְּהוּדִי

הַשִּׁירִים שֶׁכָּתַבְתִּי –
כַּעֲלֵי הַשַּׁלֶּכֶת
בְּעֶרֶב שֶׁל סְתָו זֶה
נוֹשְׁרִים עַל מִדְרֶכֶת.

מִי זָקוּק עוֹד לַחַן הַיְּהוּדִי
הַמְנַמְנֵם לוֹ בָּעֶרֶשׂ
בֵּין מִלָּה לְאַחֶרֶת?
עוֹד מֵאִיר נִגּוּנוֹ הַיְּהוּדִי
עַל חִיּוּךְ שֶׁנִּמְהַל בְּיַם־עֶצֶב
הַנָּמוֹג אַט בַּשְּׁבִיל הַפָּתוּחַ,
הוּא רוֹחֵשׁ בַּתִּרְזָה עִם הָרוּחַ,
עִם עָלִים הַנּוֹשְׁרִים אַט, בְּקֶצֶב...

וַאֲנִי (הוֹי, חֲלוֹם כֹּה פָּרוּעַ)
כְּמוֹ עוֹמֵד עַל קִבְרוֹת אֲבוֹתַי,
נוֹשֵׂא אֶת מַחְבֶּרֶת שִׁירַי
עַל פְּנֵי הַקְּבָרִים (שֶׁחָדְלוּ לִהְיוֹת),
וַאֲנִי עוֹד הוֹלֵךְ וּפוֹסֵעַ –
מִישֶׁהוּ אֶת דַּפַּי שָׁם קוֹרֵעַ,
דַּפֵּי אוֹתִיּוֹת עִבְרִיּוֹת.

פִּרְקֵי זֶמֶר אִלְּמִים
וּצְלִילִים דּוֹמְמִים
גָּרְרוּ אֶל מוּלִי
אֶת מַלְאַךְ־הַמָּוֶת הַלֵּילִי.

אַ וואָס פאַר אַ טרייסט מיר, וואָס פאַר א נחמה
געפין איך אין טייטשן, אין די איבערטייטשן —
קיין יידישער טעם אויף מיין גומען,
אַ גלעט איבער יידישע קנייטשן.
נישט מער צו פאַרגלייכן
דאָס בעסטע דערגרייכן.

איז דאַרום,
צעשאָטענע בלעטער — פאַרוויאַנעטע בלומען
וואַלגערן אַרום זיך אויף פאַרוואָרלאָזטע קברים.
(זיי זענען ביי מיר אין דמיון פאַראַנען)
איך קום צו די לייענער, פּרווו אַריבערשפּאַנען
פון קבר צו קבר (זיי זענען קיינמאָל ניט געווען)
און זאָלן די טויטע־פאַראַשטע די לידער מיר לעזן.

כ׳נעם איצט אפער פון אונטערן אָרעם
און צעשיט איצט די בלעטער,
זיי שוועבן און שוועבן — —
סע טראָגט זיי דער רויך פון קרעמאַטאָריע קוימען
צום טונקעלן הימל אין פינצטערע רוימען,
ווי די אַמאָליקע לייענער וועלן זיי זיך אויפלייזן —
די יידן פון פוילן,
די יידן פון ליטע,
די יידן פון רייסן.

אֵיזוֹ נֶחָמָה הִיא, מָה עֲדוּד לְחֵיקִי
אֶמְצָא בַּבֵּאוּר, בַּפֵּרוּשׁ, בַּתִּרְגּוּם –
שׁוּם טַעַם עָרֵב יְהוּדִי לְחִכִּי,
רַק לְטוּף עַל קְמָטִים יְהוּדִים וְגִמְגּוּם.
וְשׁוּם הַשְׁוָאָה לֹא תִּקְרַב
אֶל הֶשֵּׂג מְעֻלֶּה וְגַם רַב.

וְעַל כֵּן
דַּפִּים שֶׁנִּשְׁרוּ וִיבֹשֶׁת פְּרָחִים
מֻשְׁלָכִים עַל תִּלִּים שֶׁל קְבָרִים מֻזְנָחִים
(בְּתוֹךְ דִּמְיוֹנִי מוֹסִיפִים הֵם לִנְסֹעַ).
אֲנִי בָּא אֶל קוֹרְאַי, מְנַסֶּה שָׁם לִפְסֹעַ
מִקֶּבֶר אֶל קֶבֶר (מֵעוֹלָם לֹא הָיוּ לִי) –
אוּלַי הַמֵּתִים־הַשְּׂרוּפִים אֶת שִׁירַי יִקְרְאוּ לִי.

אוֹצִיא הַמַּחְבֶּרֶת מִתַּחַת לִזְרוֹעַ
וְאֶת הַדַּפִּים אֲשַׁלַּח גָּבֹהַּ
וְהֵם מַמְרִיאִים, רוֹחֲפִים – – –
עֲשַׁן־מִשְׂרָפוֹת נוֹשֵׂא אוֹתָם הָלְאָה
אֶל שָׁמַיִם גְּבוֹהִים, אֶל הַחֹשֶׁךְ לְמַעְלָה,
הַקּוֹרְאִים־שֶׁמֵּאָז יִקְרָאוּם שָׁם (אִתָּם לוֹ עָלִיתָ) –
יְהוּדֵי אֶרֶץ פּוֹלִין,
יְהוּדֵי אֶרֶץ רוּסְיָה,
יְהוּדֵי אֶרֶץ לִיטָא.

## דער סדומער פּסק

אָ גאָט, פֿאַר וועמען זאָל איך איצטער זיך באַקלאָגן?
האָסט דאָך אַליין געהייליקט אונדז די תּורה,
געזאָגט און צוגעזאָגט — האַלסט דאָך אין איין זאָגן:
ניט געזאָרגט, אברהם, ניט פֿאָרכט זיך, האָב ניט מורא,
ס׳וועט ניט ווערן אויסגעראָט
סדום קוים פֿופֿציק צדיקים זענען פֿאַראַן אין שטאָט...

און די באָמבירטע שטאָט, זי שרייט
איבער איר בלוטיקער עוולה! וויפֿל לייט
אומשולדיקע נקיי־כפּיים, און די באַגראָבענע לעבעדיקער הייט
אונטער זייערע אויפֿגעריסענע היימען?
און די צעמזיקטע צווישן בראָך און שטיינער?

אויב ניט צדיקים זענען זיי געווען,
איז עמך פּשוטער, אַ פּראָסטער חי־וקיים.
ווער וועט פֿאַרענטפֿערן זייער פּיין און ווי און טויט,
ווען די רשעים באַהאַלטן זיך אין בונקערן געהיימע,
אָפּגעהיט, זאָל ניט געשעדיקט פֿון זיי ווערן קיינער.

איז ווי זשע לאָזט זיך דאָס באַנעמען?
פֿאַרוואָס פֿאַר אַ חטא די אַלע טויטגעשרייען?
פֿאַרוואָס אַזאַ אומגעהײַרע נויט?
און צולעצט אָך, גאָט, איך האָב פֿאַר אונדז איצט מורא,
ס׳איז דאָך נישט סדום און נישט עמורה!
אָך, אַ וועלט אַ דולע...
פֿאַרוואָס און פֿאַר וועמען?
— אַ כּוס אַ ביטערע אַ פֿולע
דער רשע ווילדעוועט אויף אַלע גאַסן,

# גְּזַר־דִּין סְדוֹמִי

הוֹ, אֱלֹהִים, בְּאֹזֶן מִי אֶת תְּלוּנָתִי פֹּה אֶשְׁטֹחַ?
בְּרוּחֲךָ קִדַּשְׁתָּ לָנוּ הַתּוֹרָה,
הִבְטַחְתָּ בְּמוֹ פִּיךָ, חָזוֹר עוֹד וְהַבְטֵחַ:
אַל תִּירָא, אַבְרָהָם, אַל תִּפְחַד, אַל תִּירָא,
אֶת סְדוֹם לֹא אַשְׁחִית, לֹא אַבְעִיר
אִם יֵשׁ חֲמִישִּׁים צַדִּיקִים בָּעִיר...

וְהָעִיר הַמְּפֻצֶּצֶת זוֹעֶקֶת אֵימִים
לְנֹכַח עוֹלַת הַדָּמִים!
כַּמָּה בְּנֵי אָדָם נְקִיֵּי כַּפַּיִם, תְּמִימִים,
חַיִּים נִקְבְּרוּ תַּחַת בֵּיתָם שֶׁנֶּהֱרַס,
בֵּין שִׁבְרֵי אֲבָנִים וּבִנְיָן שֶׁקָּרַס?

וְאִם לֹא אֲנָשִׁים צַדִּיקִים הֵם הָיוּ,
רַק בְּנֵי עַמְּךָ פְּשׁוּטִים, שֶׁבְּשֶׁקֶט חָיוּ.
מִי יְכַפֵּר עַל סִבְלָם, עַל הַכְּאֵב וְהַמָּוֶת,
בְּעוֹד הָרְשָׁעִים נֶחְבָּאִים בְּבוּנְקֶר מִפְּנֵי הַסְּעָרָה,
נִשְׁמָרִים בַּל תִּפּוֹל מֵרֹאשָׁם שַׂעֲרָה.

וְאֵיךְ אֶפְשָׁר לִתְפֹּס וּלְהָבִין כָּל זֹאת?
עַל אֵיזֶה חֵטְא כָּל זַעֲקוֹת הַמָּוֶת?
עַל מָה וְלָמָּה בָּא גּוֹרָל זְוָעוֹת?
וּלְבַסּוֹף, אֵלִי, אֲנִי נִמְלָא מוֹרָא –
הֲרֵי לֹא סְדוֹם אֲנַחְנוּ וְלֹא עֲמוֹרָה!
הוֹי, עוֹלָם מֻכֵּה שׁוֹאָה...
עַל מַה זֶּה וְלָמָּה?
כּוֹס הַמְּרוֹרִים מְלֵאָה –
הָרֶשַׁע מִתְהוֹלֵל בָּרְחוֹבוֹת בְּשֶׁצֶף,

דער מענטש דער פשוטער, ביי אים איז מיסט —
ס׳הוליעט די חיה רעה מיט אירע משוגעתן
און הרגעט אָן פאַרוואָס, סתם אַזוי, אומזיסט...

וואָסזשע וועט געשען איצט מיט דיין ספר?
אַ בלוט־פאַרפלייץ האָט געמאַכט אים טמא,
פאַרמעקט די אַלע צען געבאָט,
דער מאָרד געצייטיקט, ווי אַ פּרי אַ רייפע,
קאַנאָנען־דונער טראָגט דאָס ווידערקול — מלחמה.

און סע באַפאַלט מיך אַזאַ צער און טרויער,
ווייל די שאלה גראָד איז — דער ענטפער איז קאַפּויער:
ס׳איז ניט כּולו חטא די שטאָט, אָן קיין הייפעלע צדיקים,
נאָר קאַפּויער, נאָר א בינטל פירער און פאַרפירער,
קאָמאַנדירער שטרענגע און רעגירער,
אויף הפקר זי געוואָרפן, פאַר אַ קרבן זי צו שיקן
מולך׳ן אַ פייער־פּרעס — צום אונטערגאַנג — — —
— — — — — — — — — — — — — —
ווי קינדעריש שיין, ווי אַ פאַסטוך אידיליע
די צייט ווען אַברהם
גערעדט האָט צו גאָט — צו א פאָטער אַ שטרענגן,
געבעטן רחמים פאַר אַ זינדיקער שטאָט, כּולו חייב?

אברהם ביי זיין געצעלט —
ניט ווייט אויף דער לאָנקע די סטאַדע,
אַ פרייע, אַ יונגע, אַ זוניקע וועלט —
האָב רחמים, האָב רחמים, אוי טאטע...

כָּל אָדָם פָּשׁוּט הוּא דֹּמֶן בְּעֵינָיו,
וְהַחַיָּה־רָעָה דּוֹהֶרֶת כִּמְשֻׁגַּעַת,
הוֹרֶגֶת בְּלִי לִשְׁאֹל, סְתָם כָּךְ, לַשָּׁוְא...

מַה יִּהְיֶה גּוֹרַל הַסֵּפֶר וְלוּחוֹת־הַבְּרִית,
שְׁפִיכוּת־דָּמִים אֶת דַּפֵּיהֶם טִמְּאָה,
מָחֲקָה אֶת כָּל עֲשֶׂרֶת הַדִּבְּרוֹת,
הִבְשִׁילָה אֶת הָרֶצַח, כְּמוֹ אֶת הַפְּרִי,
וְרַעַם תּוֹתָחִים כְּבָר מְהַדְהֵד פֹּה – מִלְחָמָה!

כְּאֵב נוֹפֵל עָלַי, וְגַם עַצְבוּת יוֹרֶדֶת,
הִנֵּה הַשְּׁאֵלָה, וְהַתְּשׁוּבָה נוֹגֶדֶת:
הָעִיר אֵינֶנָּה כֻּלָּהּ חֵטְא בְּלִי קֹמֶץ צַדִּיקִים,
אֶלָּא לְהֵפֶךְ: בָּהּ קֹמֶץ מַנְהִיגִים וְשַׁלִּיטִים,
עִם גֶּנֶרָלִים תַּקִּיפִים וּנְגִידִים,
וְהִיא הָיְתָה הֶפְקֵר, קָרְבָּן לַמֹּלֶךְ הָאָדָם,
מַאֲכֹלֶת אֵשׁ – לִקְרַאת הָאֲבַדּוֹן – – –
– – – – – – – – – – – –

כְּאוֹר־יַלְדוּת, כְּמוֹ אִידִילְיָה פַּסְטוֹרָלִית,
אוֹתָהּ הָעֵת, בָּהּ אַבְרָהָם
דִּבֵּר אֶל אֱלֹהָיו – הוּא אָב תַּקִּיף וָרָם,
הוּא רַחֲמִים בִּקֵּשׁ לְעִיר מְלֵאָה חַטָּאת
שֶׁנִּמְצְאָה חַיֶּבֶת בַּמִּשְׁפָּט.

וְאַבְרָהָם בְּפֶתַח אָהֳלוֹ,
מוּל אָחוּ, בּוֹ רוֹעֶה הָעֵדֶר הַשָּׁחוּם,
עוֹלָם צָעִיר, שְׁטוּף אוֹר זוֹהֵר כֻּלּוֹ –
רַחֵם וְחוּס נָא, אָב רַחוּם...

איז ווו איז היינט גאָט, ווו אים זוכן?
מע האָט אים פאַרטריבן,
קיין פּיצל ליבע, נאָר האַס, נאָר האַס איז געבליבן —
אַ פרעמדע, אַ שרעקליכע וועלט —
כאָטש נעם און פאַרשעלט...

אֵיפֹה הָאֵל הַיּוֹם, הֵיכָן לִמְצֹא אוֹתוֹ, הֵיכָן?
גֵּרְשׁוּ אוֹתוֹ מִכָּאן.
וְאֵין עוֹד אַהֲבָה, כִּי רַק שִׂנְאָה נוֹתְרָה,
עוֹלָם נָכְרִי, נוֹרָא,
הָרָאוּי לִמְאֵרָה...

## דער שלום פֿאַר גליל

וויגליד

אַיי־לו־לו, מיין זינדעלע,
שלאָף טאַקע אַיין, ווער שטיל –
אַוועק איז שוין דיין טאַטע
ברענגען שלום דעם גליל.

דער שלום איז אַ ווייסע טויב,
אין דזשוב אַן אַיילבירט־צווייגל,
אָבער דו, מיין זינדעלע,
נעם פֿאַרמאַך דיין אייגל.

דיין טאַטע ער איז דאָך אַוועק
מיט אַ טאַנק אַ שווערן,
וואָס אויף אים האַרמאַטן זענען
מיט די לאַנגע רערן.

און מיט זיי דעם שלום כאַפּן?
ווי קאָן איך דאָס וויסן?
אָבער דו, מיין זינדעלע,
מעגסט די אייגעלעך שליסן.

דאָרטן וווּ דיין טאַטע איז,
פֿליען פֿינצטערע פֿייגל,
און אין דזשוב מסתמא
אָן אַן אַיילבירט־צווייגל.

און די פֿייגל, וואָס זיי טוען
דאַרפֿסט עס גאָרניט וויסן,

## שְׁלוֹם הַגָּלִיל

שִׁיר עֶרֶשׂ

אַי־לִי לוּ־לִי, בֵּן חָמוּד לִי,
נוּמָה בְּשַׁלְוָה וָגִיל;
לְהָבִיא יָצָא אָבִיךָ
רֹב שָׁלוֹם אֶל הַגָּלִיל.

הַשָּׁלוֹם – יוֹנָה צְחוֹרָה
עִם עָנָף שֶׁל זַיִת;
וְאַתָּה, יַלְדִּי שֶׁלִּי,
נוּם אִתִּי בַּבַּיִת.

אַבָּא נָע לַמֶּרְחַקִּים
בְּתוֹךְ טַנְק שֶׁל פֶּלֶד,
שֶׁעָלָיו תּוֹתָח גָּדוֹל
עִם קָנֶה וּפֶלֶס.

הֲיִכְבֹּשׁ הַטַּנְק שָׁלוֹם?
אֵיךְ אוּכַל לָדַעַת?
אַךְ אַתָּה, יַלְדִּי שֶׁלִּי,
נוּם וִישַׁן בְּלִי רַעַד.

שָׁם, מֵעַל הַטַּנְק חָגִים
עוֹפוֹת שְׁחוֹרִים כָּעַיִט,
וּבִמְקוֹרָם וַדַּאי
אֵין עָנָף שֶׁל זַיִת.

מָה עוֹשׂוֹת הַצִּפֳּרִים –
אֵינְךָ צָרִיךְ לָדַעַת;

און דאריבער, זינדעלע,
מעגסט די אייגעלעך שליסן.

מיט דער טויב וואָס וועט געשען,
מיט דער טויב דער ווייסער?
מיטן איילבירט־צווייגל אין דזשוב,
וואָס געשעט, ווער ווייס עס?

און אויב דיין טאַטע מיט דער טויב
אין דזשוב דאָס איילבירט־צווייגל,
מסתּמא קומט בשלום צוריק —
נעם פאַרמאַך דיין אייגל.

יאָ, ער קומט בשלום צוריק —
אוי! ווער קאָן דאָס וויסן...
אָבער דו, מיין זינדעלע,
מעגסט די אייגעלעך שליסן.

אַיי־לו־לו...

וְעַל כֵּן, יַלְדִּי שֶׁלִּי,
נוּם וִישַׁן בְּלִי רַעַד.

אֲבָל מַה יִּהְיֶה גּוֹרָל
יוֹנָה צְחוֹרַת כְּנָפַיִם?
לִבְדַל־הַזַּיִת בַּמָּקוֹר
מַה יִּקְרֶה בֵּינְתַיִם?

אִם אֶת אַבָּא תְּלַוֶּה
יוֹנָה נוֹשֵׂאת בְּדַל־זַיִת –
הוּא יָשׁוּבָה בְּשָׁלוֹם;
נוּם אִתִּי בַּבַּיִת.

כֵּן, יָשׁוּב הוּא בְּשָׁלוֹם –
אוֹי! מִי יוּכַל לָדַעַת?
אַךְ אַתָּה, יַלְדִּי שֶׁלִּי,
נוּם וִישַׁן בְּלִי רַעַד.

אַי־לִי לוּ־לִי...

## שאפן א ליד

שאפן א ליד – ווי שווער און ווי לייכט איז:
פילסט זיין טעם, ער ליגט אויף דער צונג דיר,
וויברירט דיר דער ניגון דורך דיינע שפּיצפינגער –
דעס טאָן האָסט דערשפּירט, דערטאַפּט – שוין דערגרייכט איז.

ס׳פּולסירט אין דיין בלוט – פילסט דעם געצאַפּל
וואָס הויבט דיך און טראָגט דיך, ווערסט מיטגעריסן
ארויף ביז קוים נאָך דעראנטן דיר שטאַפּל –
און ווייסט, דערלאנגט האָסט דאָס טיפסטע פון וויסן.

שאפן א ליד – ווי לייכט און ווי שווער איז:
סע זאמלען אין דיר זיך אי ווערטער אי קלאנגען,
די וועלכע דרינגען ארויס מיט פארלאנגען –
כ׳ווייס ניט ווי קומט עס און וועמען געהער עס...

צו איז עס דען אלעס? דאָס לעצטע דערגרייכן?
צו קען עס ניט ווערן דאָס הארץ מיטצורייסן,
דיך ערגעץ פארפירן אהין גאָר... ווער ווייס עס – –
א ליד, עס צו שאפן? ווי שווער און ניט לייכט איז – –

## לִיצוֹר שִׁיר

לִיצוֹר שִׁיר־אֱמֶת – מַה קָּשֶׁה וּמַה קַּל הוּא:
תָּחוּשׁ אֶת הַטַּעַם עַל קְצֵה לְשׁוֹנְךָ,
נִגּוּנוֹ מְרַטֵּט עַל רָאשֵׁי אֶצְבְּעֶיךָ,
תִּקְלֹט אֶת הַצְּלִיל, תְּמַשֵּׁשׁ – עַל הַגַּל הוּא.

הוּא זוֹרֵם בְּדָמְךָ, תָּחוּשׁ אֶת הָרֶטֶט
הַמֵּרִים אֶת כֻּלְּךָ, וְאַתָּה אָז נִקְרָע אַט
וּמַמְרִיא עַל שְׁלַבֵּי הַנְּגִינָה הַפּוֹרֶטֶת
עַד תֵּדַע כִּי הִגַּעְתָּ עַד עֹמֶק הַדַּעַת.

לִיצוֹר שִׁיר־אֱמֶת – כַּמָּה קַל וְקָשֶׁה הוּא:
מִלִּים וּצְלִילִים מִצְטַבְּרִים בִּלְבָבְךָ,
וְהֵם לוֹחֲצִים כֹּה לָצֵאת לִרְוָחָה,
לֹא אֵדַע אַף כֵּיצַד זֶה, שֶׁל מִי וְאֵיזֶה הוּא.

הַאִם זֶה הַכֹּל? כְּלוּם הֶשֵּׂג מְשֻׁכְלָל הוּא?
הַאִם לֹא תִּגָּרֵף עִם הַלֵּב הַדּוֹמֵעַ
שֶׁיִּשָּׂא אוֹתְךָ הָלְאָה, הַרְחֵק... מִי יוֹדֵעַ – –
וְשִׁיר עוֹד לִיצוֹר? מַה קָּשֶׁה וְלֹא קַל הוּא – –

## צום מענטשן ברודער

ברודער, באַצייטנס מעגסט אַוועקזעצן זיך שבעה –
תּהילים זאָג אַ פּרק, תּחינות מיט געוויין.
פֿאַרשטיי, וואָס איז נאָך אויף דער וועלט געבליבן,
אַז אויסגעגאַן, געצאַנקט, געשטאָרבן איז די ליבע –
איז זעץ אַוועק זיך שבעה, נישט נאָר פֿאַר איר, פֿאַר זיך אַליין.

ווער ווייסט דען נאָך אין אַזאַ וועלט פֿון בלויז מחשבות טריבע
האָבן דיך אין זינען, אָפּהיטן דיין פֿאַרגיין,
נאָכציילן די וואָכעדיקע טעג די זיבן,
אַז אין אַזאַ וועלט צערודערטער אָן דעם זיך אויך באַגיין.

אַז האַס און פֿאַרכט האָט דאָס געפֿיל צעריבן
פֿון צאַרטקייט, איידלקייט, פֿון מיטגעפֿיל און חן.
און האָט איבער אונדזער וועלט דעם פּסק געשריבן –
דער גזר איז – אַז זי מוז אונטערגיין.

איז ברודער, באַצייטנס, זעץ אַוועק זיך שבעה,
וואָס דערוואַרטסטו נאָך פֿון איר, חוץ צער און פּיין?
איך זעץ זיך לעבן דיר, כ׳האָב אויך אַ ביסל ווי זיך אָנגעקליבן,
און אפֿשר וועלמיר אונדזער שווער געמיט באַשטיין.

# לְאָח־אָדָם

בּוֹא, אָחִי, בָּא הַזְּמָן שִׁבְעָה לָשֶׁבֶת,
לוֹמַר פִּרְקֵי תְּהִלִּים, תְּחִנּוֹת בְּקוֹל בְּכִי.
אֱמֹר, מָה עוֹד נוֹתַר בִּמְלֹא תֵּבֵל נוֹשֶׁבֶת
אִם דָּעֲכָה, גָּוְעָה וָמֵתָה כָּל אַהֲבָה נִלְהֶבֶת?
בּוֹא, שֵׁב שִׁבְעָה, לֹא לְזִכְרָהּ בִּלְבָד, גַּם בִּגְלָלְךָ, אָחִי.

מִי עוֹד בִּמְלֹא תֵּבֵל, רְדוּף אֵימַת מַחְשֶׁבֶת,
יִתֵּן דַּעְתּוֹ עָלֶיךָ, עַל גְּוִיעָתְךָ בְּסְחִי,
יִמְנֶה שִׁבְעַת יְמֵי שָׁבוּעַ הַסִּפּוּגִים עַצֶּבֶת,
וּבְעוֹלָם רְדוּף אֵימָה לְהֵעָנוֹת בְּדְחִי.

שִׂנְאַת חִנָּם אֶת הָרְגָשׁוֹת צוֹרֶבֶת,
מוֹחָה עֶדְנָה וָחֵן וּמְצַוָּה: 'בִּרְחִי!'
מֵעַל שְׁמֵי הָעוֹלָם אֶת גְּזַר־הַדִּין כּוֹתֶבֶת;
הַגְּזָר פּוֹקֵד: "שִׁקְעִי, תֵּבֵל, וּלְכִי!"

עַל כֵּן, אָחִי, בָּא זְמָן שִׁבְעָה לָשֶׁבֶת,
לָמָּה עוֹד תְּצַפֶּה, זוּלַת עִנּוּי וּבְכִי?
אֵשֵׁב מוּלְךָ, גַּם בִּי הַכְּתָה תְּחוּשָׁה נוֹקֶבֶת;
אוּלַי אֶת כֹּבֶד יְגוֹנֵנוּ נְשַׁכֵּךְ, אָחִי.

# אינהאַלט


פון מיינע שייערן 6

## יאָדערדיקע מאַנדלען

דאָס יינגל מיטן בלומען־קויש 10
מייך יוגנט – מיין מיידל 14
שפּינען די פעדעם 16
מיין פּאַפּירענע שלאַנג 18
מיט בעז נאָך דעם באָדן 20
אַלט־גריכישער פּייזאַזש 22
דער שפּילער 24
מיין קינדער־פּסח 26
וואָס זוך איך 30
דער געפּאַלענער גאָט 32
דאָס בענקענדיקע 34
מיינע גראַמען 36
צוליב אַ ליד 40
ס'איז קראַנק מיין געמיט 40
אַ ליד 42
ליד 44
אַ ניגון אַזאַ 46

## רייפע פייגן

סיזיפוס־אַרבעט 48
האָפענונג 50
אין שפּיטאָל 52
אַ געבעט 54
מידות 56
לאַנגוויל 58
צי איז עס... 60
אַן אָנהויב פון ליד 62
אַלץ דער שטייגער 64
צעברעכן די לוחות 66
אַ בליק אויף קריק 68
שווער דער טרויער 70
די פלאַם ביים צאַנקן 72
קוק זע... 74
מדרגות 76
מיין טאָפּל־קורס 80

## פּאָרטרעט פון אַן ערליכן מענטש 88

גלאָסן צום פּאָרטרעט 94
אָפּגעלערנט פון דיר 96

## היים און שטאָט

אַזוי געוועזן איז 98
פון מיינע יונגע טעג 104
מיין ערשטע שטוב 106
דאָס הויז 110
מיר בויען דאָס הויז 112
צעשיידן 114
אַ דירה 118

## קינות און וואַריאַציעס 120

## טונקעלע טרויבן

ירושה 140
אומרויק האַרץ 148
מיט מיין פּאַנג־נעץ 152
מיין יידיש ליד 156
דער סדומער פּסק 160
דער שלום פאַר גליל 166
שאַפן אַ ליד 170
צום מענטשן ברודער 172

# הַתֹּכֶן:


מֵאֶסְמִי 7

**שְׁקֵדִים מְלֵאִים**

הַנַּעַר עִם סַל הַפְּרָחִים 11
נְעוּרַי – נַעֲרָתִי 15
חוּטֵי יְצִירָה 17
הָעֲפִיפוֹן שֶׁלִּי 19
עִם פִּרְחֵי לִילָךְ 21
נוֹף יְוָנִי עַתִּיק 23
הַקַּלְפָן 25
פֶּסַח שֶׁל יַלְדוּתִי 27
מָה חִפַּשְׂתִּי 31
הָאֵל שֶׁנָּפַל 33
הַכִּשּׁוּפִים 35
הַחֲרוּזִים שֶׁלִּי 37
בִּגְלַל שִׁיר 41
נִתְקַפְתִּי הֲלָךְ־נֶפֶשׁ 41
מִזְמוֹר 43
שִׁיר 45
נִגּוּן שֶׁכָּזֶה 47

**תְּאֵנִים בְּשֵׁלוֹת**

עֲבוֹדַת סִיזִיפוּס 49
תִּקְוָה 51
בְּבֵית־הַחוֹלִים 53
תְּפִלָּה 55
עֲרָכִים 57
שִׁמָּמוֹן 59
הַאִם זֶה נַחוּם 61
תְּחִלָּתוֹ שֶׁל הַשִּׁיר 63
אָרְחוֹת חַיִּים 65
לְשַׁבֵּר אֶת הַלּוּחוֹת 67
מַבָּט לְאָחוֹר 69
עֶצֶב כָּבֵד 71
שַׁלְהֶבֶת מְהַבְהֶבֶת 73
לְאוֹר הַשְּׁקִיעָה 75
מַדְרֵגוֹת 77
הַמַּסְלוּל הַכָּפוּל שֶׁלִּי 81

**פּוֹרְטְרֶט שֶׁל נֶפֶשׁ יְשָׁרָה** 89

בֵּאוּר לַפּוֹרְטְרֶט 95
לָמַדְתִּי מִמְּךָ 97

**בַּיִת וָגָן**

כָּךְ זֶה הָיָה 99
מִן הַיָּמִים הַצְּעִירִים שֶׁלִּי 105
בֵּיתִי הָרִאשׁוֹן 107
הַבַּיִת 111
בּוֹנִים אֲנַחְנוּ בַּיִת 113
פְּרֵדָה 115
דִּירָה 119

**קִינוֹת וּוַרְיַאצְיוֹת** 121

**עֲנָבִים כֵּהִים**

יְרוּשָׁה 141
לֵב מְסֹעָר 149
עִם רֶשֶׁת־הַפַּרְפָּרִים שֶׁלִּי 153
שִׁירֵי הַיְּהוּדִי 157
גְּזַר־דִּין סְדוֹמִי 161
שְׁלוֹם הַגָּלִיל 167
לִיצוֹר שִׁיר 171
לְאָח־אָדָם 173